העליונה האחרונה, סגר מאחוריו את הדלת, והסתכל שוב ושוב ממושכות, הסתכל והרהר ושקע במחשבות...

## יד

עבר יום ויומיים, קינדישמן לא נראה בשום מקום. נעמי לא פעם ביקרה בחדרו, אך אותו היא לא מצאה. יוגנדבוים ומשפחתו התפלאו מאד, מפני מה לא בא אליהם זה ימים אחדים. הפליאה נהפכה לדאגה רבה. הם פנו לכל המוסדות הציבוריים, ואין תשובה. האם נסע מבלי להיפרד? — לא ייתכן, לא מתקבל על הדעת, שאיש נימוסים כמוהו ייסע ולא יודיע על כך לאיש. מועקת אבל ירדה על ביתו של יוגנדבוים, חשו שמשהו לוחץ על הנשמה, פחד חבוי כיסה את פני כולם, כך יוגנדבוים וכך בנותיו.

פתאום, בערב, מואר שולחן הטלפון, ליד המכשיר יושב יוגנדבוים, ידיו וקולו רועדים, הוא חש כאילו ליבו ניבא לו, שצפויה בשורה רעה, דיברו מהקהילה המרכזית:

"הערב בשעה 7 עם שקיעת החמה נמצא מת בגינת "מגדל-עדניה" איש בגיל 45, שערו מאפיר, מגולח. בתיקו, שהיה עימו, מצאו את כרטיס־הביקור הבא:

זלמן קינדישמן
יושב־ראש הוועדה הסטטיסטית העולמית.

בהמשך החיפוש מצאנו את כתובתך. נשארו גם הרבה ניירות, כתבי־יד. בוא מיד אל מועצת־הקהילה, מדור 'מרשם הנולדים והנפטרים'. שריפת הגופה תהיה מחר בשעה 11 לפני־הצהריים."

כל בני־הבית עמדו על־יד המכשיר, וכשראו, כיצד פשט החיוורון על פני אביהן, הבינו, שקרה משהו בלתי רגיל, ורעדו כעלים נדפים מעץ בסתיו. יוגנדבוים צנח לכיסאו, בקושי רב יכול לענות לשאלות בנותיו:

— כן, קינדישמן מת.

ונמצא מוסיף:

— גם בעיר־העתיד יבלע המוות את שלו...

חרקוב 1918.



בן-יעקב

# אין דער צוקונפט-שטאט עדעניא

ראמאן

כארקאווער אידיש פארלאג

1918

## I.

אין דעם גרעסטן, שענסטן האָטעל „פּרײַפּאָלק" אין „עדעניאַ" איז געזעסן אין זײַן צימער אויפֿן 22־טן שטאָק אַ יונגערמאַן פֿון מיטעלן הויך, דער פּנים גלאַט געראַזירט, די האָר פֿון קאָפּ שוין גראָהעליך, זײַן בליק אַ מונטערער, אַ זיכערער. נאָכן אויסזען האָט מען אים געקענט געבן ניט מער ווי 40 יאָר, נאָר אין אמת'ן איז ער שוין געווען פֿיל עלטער, אַריבער 50.

ער איז געזעסן נעבן שרײַב־טיש, אין אַ הוינ־שטול, געהאַלטן דעם דראָטלאָזן „טעלעפֿאָן־ביכל", אַ קוק געטאָן, געבלעטערט די פֿאָדערסטע בלעטער וואו ס'איז געווען באַשריבן די טעכניק פֿון רעדן. ער האָט געענדיגט לייענען. איז צו צום פֿענסטער־וואַנט, געבליבן אַ ווײַלע שטעהן אַרויסקוקענדיג אויפֿן גאַס, אויף זײַן געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ צופֿרידענער, קינדערישער שמייכל. עס איז קענטיג געווען, אַז ער לעבט איצט איבער איינע פֿון די פֿרײדאַסטע מינוטן זײַנע. ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע פֿאַרקלערט, ווי זיך וועלנדיג עמיצן אָדער עפּיס וואָס ווײַכטיגעס דערמאָנען, ענדליך האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, צוגעגאַנגען צוריק צום שרײַב־טיש, ווידער גענומען בלעטערן דעם טעלעפֿאָן־ביכל און געפֿינענדיג דעם וועמען ער האָט געזוכט האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטן פֿון פֿרייד און פֿאַר זיך אַליין אויסגערופֿן:

— יאָ, דאָס איז ער, מײַן אַלטער, גוטער פֿרײַנד יונגערבוים!—

ער האָט אויפֿן שרײַב־טיש געמאַכט אַזוי ווי פֿיגורן מיט די פֿינגער און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער געשפּרעך:

— בעל־פּאַן צענטר! —

— יאָ, מײַן פֿרײַנד, וואָס פֿאַרלאַנגט איר?

— י. מ. נ. 14 —

— גלײַך, מײַן פֿרײַנד.

פּויזע.

— איך הער, ווער רעדט?

— פֿרײַנד יונגענדבוים?

— יאָ. איך. ווער פֿרעגט?

— אײַער אַלטער, אַמאָליקער, גוטער פֿרײַנד און חבר זלמן קינדישמאַן. געדענקט איר אים?

— פּויזע.

— זלמן קינדישמאַן? — טאַקע? זלמן קינדישמאַן, איז עס מעגלעך? וואו זײַט איר? וואו געפֿינט איר זיך?

— האָטעל „פּרײַפֿאָלק" אויף נאַנאַל־גאַס.

— ווי אויף „שלום־עליכם"־גאַס?

— יאָ, יאָ, ענטשולדיקט מיר, כ'האָב מיך דערמאָנט דעם נאָמען פֿון אַמאָל מיט 25 יאָר צוריק.

— אַך, ווי מיר פֿרעהט. איך קום גלײַך צו אײַך, האָטעל „פּרײַ־פֿאָלק" שלום־עליכם גאַס № 850?

— יאָ, דאַכט זיך, האָטעל „פּרײַ פֿאָלק" צימער 101 ווינדע 7.

— צום נײַען זען זיך.

— צום ווידערזען.

II.

זלמן קינדישמאַן האָט פֿון פֿרייד ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט אָנגעהויבן פּשוט צו טאַנצן איבערן צימער. זײַן בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן „אויטאָטעלעפֿאָטאָפֿאָן" — דאָס איז געווען אַזאַ מין אַפּאַראַט וואָס באַדינט די נעכסט פֿאָלקאָם אָנשטאָט אַמאָליקע באַדינערשאַפֿט.

ער איז געשטאַנען בײַם אַפּאַראַט, געפֿירט מיט די פֿינגער, האָט אָנגעדריקט דאָס ערשטע קנעפּל, נאָכדעם אַ צווייטע, אַ דריטע, לויט



ווי עס איז געווען אָנגעמערקט אויף די „אָרדנונגס־קאַרטע" און עס האָט זיך גלײַך דערהערט אַ שטימע:

— וואָס פֿאַרלאַנגט דער פֿרײַנד קינדישמאַן?

— קען מען גוטן ווײַן באַקומען?

— מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן, אויב אײַער ווײַן־קאַרטע איז נאָך ניט אויסגענוצט.

דעם געשפּרעך האָט זלמן קינדישמאַן געפֿירט דורכן „אויטאָטע־לעפֿאָטאָפֿאָן", מײנענדיג, אַז ער רעדט דאָס מיט דער אַדמיניסטראַציע פֿון האָטעל, נאָר ער האָט אַ טעות געהאַט, אים האָט אָפּגעענטפֿערט דער אַפּאַראַט וועלכער פֿלעגט אין איין צײַט פֿאָטאָגראַפֿירן דעם גאַסט, אויסוועלן דאָס וואָס דער גאַסט באַשטעלט און אויטאָמאַטיש צושטעלן דורך די „באַדינונגס־רערן" אַזוי פּינקטלעך ווי אַמאָל פֿון דעם טרײַסטן דינער.

זלמן קינדישמאַן האָט גענומען באַטראַכטן דאָס באַקומענע צוויי לאָגעלאַך ווײַן, ער האָט איבערגעלייענט דאָס באַלויכטענע פֿון אַ באַ־האַלטן, פֿאַר אים אומפֿאַרשטענדלעך, עלעקטריש־פֿײַערל:

„ווײַן ברויערײַ „נפֿניה" — עקוואָס נידעריגער — די טרויבן זײַנען „פֿון די קהל'שע ווײַנגערטנער פֿון אוקראַינע „און מאָלדאַוויע".

ער האָט ניט באַוויזן איבערלייענען דאָס באַלויכטענע אויפֿן צווייטן לאָגעלע, ווײַל עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— אַרײַן.

עס האָט זיך די טיר געעפֿנט און פֿאַר אים איז געשטאַנען אַ מאַן פֿון עטוואָס העכער פֿון מיטעלן וווּקס מיט אַ גרוי־שוואַרצ־ליכן בערדל, אַ קלוג סימפּאַטיש געזיכט, אין ברילן, דער אַרײַנגעקו־מענער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע, אַרומגעקוקט זיך, אויסגעווישט די ברילן. קינדישמאַן איז אים אַנטקעגן געקומען, ענדלעך זײַנען זיי איינע אויף די אַנדערע אויפֿן האַלדז אַרויפֿגעפֿאַלן, זיך ברידערלעך צו־קושט און זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ברייטן ווייכן פּוטער־שטול וואו ער האָט זיך פֿריער געוויגט.

אַ פֿרײַדפֿולע, ניט־לאַנג דויערנדיגע פּויזע.

— נו, וואָס מאַכסטו?

— וואָס מאַכסטו?

— גוט זעסט דאָך, געריזט, געוואַנדערט איבער דער גרויסער וועלט, געווען אין אַפריקע, אַמעריקע, יאַפּאַניע, כינע, אַרגענטינע, בראַזיליען און פּאַלעסטינע.

— אויך דאָרט? נו, ווי איז דאָרט, אין אונזער לאַנד? אין פּאַלעסטינע?

— דאָרטן איז ווי אומעטום, ס'איז דאָ נגידים, און ס'איז דאָ קבצנים.

— ווי? — האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן יונגערמאַן — בײַ אײַך, דאָס הייסט, בײַ אונדז דאָרט אין פּאַלעסטינע איז נאָך ניט אײַנגעפירט די נײַע אָרדנונג?

— צום באַדויערן, ניין. און דערום קומט דאָרט זעהר אָפט פאָר רעוואָלוציעס, אויפשטאַנדן, שטרייקן. איך האָב די לעצטע פּאָר יאָר דאָרט געלעבט, די פאַמיליע מײַנע וואוינט נאָך איצט אויך דאָרט, אין „גאָרדיאַ" אַ קליין פּראָווינציאַליש שטאָט, אַרום זעכצן טויזנט אידישע אײַנוואוינער און אַרום דרײַסיג טויזנט אַראַבער.

— און ווי איז דאָרט דער אַלגעמיינער צוזאַמענלעבן מיט זיי, מיט די אַראַבער?

— ניט וואָס באַזונדערס, נאָר דערצעהל בעסער דו, וואָס הערט זיך בײַ אײַך, דו קענסט זיך גיט פאָרשטעלן מײַן פרייד, וואָס מיר איז באַשערט זיך נאָך מיט דיר צוזאַמענטרעפן.

— אָך, וויפיל האָב איך מיהע אָנגעווענדט צו דערגעהן דײַן אַדרעס, כ'האָב בריוו אין אַלע פאַרשידענסטע רעדאַקציעס געשיקט, און ווי אין וואַסער ביסטו אַרײַן. קיין ענטפער באַקומען, נאָר גאָט צו דאַנקען, וואָס דו לעבסט. וואָס מאַכט דײַן פרוי, דײַנע קינדער?

— מײַן פרוי — איך דאַנק — זי איז געזונט, דו ווייסט דאָך פון אַמאָל, אויב דו געדענקסט, אַז ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די איבערוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע איז זי צוגעשטאַנען מיר זאָלן אַהין אַריבערפאָרן, איצט איז זי דאָרט פאַרהאַלטערין פון די צענטראַלע



אַרבעטער-ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון מאָריס ראָזענפעלד. מײַן זון | געדענקסטו דאָך? — דער קליינער שלמה'לע וועלכן דו האָסט ליב געהאַט הערן זײַנע קינדער-לידער זינגען, ער איז איצט פּריוואַט דאָצענט אין „זשיטלאָווסקי-אוניווערסיטעט", דאָס איז אַ הויך שול פאַר פילאָזאָפיע און עקאָנאָמיק, דערצו איז ער הויפט רעדאַקטאָר פון ליטעראַריש-קינסטלערישן חודש-זשורנאַל אין אידיש „וואָרט און געדאַנק".

— איז דאָרט דען אידיש אָנערקענט אַלס דערבטליכע שפּראַך ווי דאָ בײַ אונדז און האָט זי אַזאַ פאַרשפּרייטונג ווי בײַ אונדז?

— יאָ, די גאַנצע אַרבעטערשאַפט און דער המון באַנוצט נאָך איצט אומעטום אידיש, עס קומט פאָר זעהר פיל קאָנפליקטן אויף דעם באָדן, דו געהסט אַרײַן אויף פּאָסט, צי אויפן וואָקזאַל, דו בעטסט אַ בילעט אויף אידיש פאַרקרימט דער קאַסיר דעם נאָז און ענטפערט דיר ניט. נאָר וואָס ווײַטער אַלץ עקשנות'דיגער איז דער קאַמף געוואָרן און די ברייטע פאָלקס-מאַסן האָבן זייערע קינדער-גערטנער, שולן און זאָגאַר אוניווערסיטעטן אידישע, ניט העברעאישע אָנגעהויבן בויען און זיי האָבן אַ גרויסן ערפאָלג.

— אָך, ווי מיר פרעהט די אײַנצעלהייטן — האָט זיך אָפּגערופן יונגערמאַן, נו און דײַן זון מוז געוויס זײַן איינער פון די קעמפער.

— דו פאַרשטעהסט דאָך, דער „זשיטלאָווסקי-אוניווערסיטעט", דאָרט ווערן אַלע לעקציעס אויף אידיש געלעזן און ניט קוקענדיג, וואָס די דאָרטיגע קהלה גיט אויף דעם קיין געלט ניט, דאָך איז ער שענער און רײַכער איינגעשטאַט ווי זייערע „מאַרמאָרעק" און „וואָלפסאָן"-אוניווערסיטעטן. איבערהויפט באַזוכן דעם נייעם אוניווערסיטעט אויף „זשיטלאָווסקי'ס" נאָמען די ניי-אָנגעקומענע פון אוקראַינע, מאָלדאַוויע, גרוזיע, דאָנעסטאַנער און דאָנער רעפּובליקן; פון ליטע, פּוילן און גאַליציען — דאָס זײַנען יענע, וועלכע געהען אין די רעני-רונגס-שולן און אוניווערסיטעטן.

— מײַן זונס שילער האָבן זיך מיר אַזוי פיל אינטערעסאַנטעס אָנגעדערצעהלט פון אייער לעבן — האָט קינדישמאַן ווײַטער פאַרגע-

נעצט — אז איך האב א איבעריגן טאג ניט געקאנט איינזיצן און געזוכט קומען אהער צופארן, זעהן ווי זעהט אויס די נאס, די שטאט, וועלכע מיט 25 יאר צוריק האט זי אונזער שפראך ניט פארשטאנען, וועלכע האט פון אונז געלאכט, געשפאט, און איצט בין איך געקומען אהער.

III.

זלמן האט געעפנט די פלאש ווין, אנגעגאסן די כוסות, אויסגעטרונקען פאר די אמאליגע יונגע יארן, פאר די צוקונפט און אויך פאר די געגענווארט.

— איך בין דאך, פארזיצענדער פון דער אלוועלטליכער סבאטיסטישער קאמיסיע — האט ווידער אנגעהויבן קינדישמאן — און וועגן דעם טאקי האב איך א מיסיע אויסצופארשן דעם וואוקס און פארשריט פון די אידן פון חוץ-לארץ, וועלכע לעבן אין אוקראינע, מאלדאוויע, גרוזיע און דאגעסטאנער רעפובליקן. און איך קען דיר זאגן, זייענדיג גוט באקאנט מיט דער אלגעמיינער אידישער לאגע אין דער גאנצער וועלט, אז מיר קענען טרינקען אויך פאר די הערליכע געגנווארט אונזערע, נעם די, פאראייניגטע שטאטן פון דייטשלאנד, ראמאניען, אנגלא-סאקסאניען און אמעריקא, וואס פאר א געזונט לעבן עס איז אויסגעוואקסן פון דעם אמאליגן איינגעוואנדערטן יודענטום. די נאציאנאלע פארזאמלונגען די אידישע, ארבעטן דארט זעהר פליסיג, אז די פאלעסטינישע „כנסת הגדולה" קען זיך א מוסטער ארא-נעמען.

— און וואס בא אונז? — האט איבערגעשלאגן יונגערבוים — אט האט איצט אונזער סיים אנגענומען דעם געזעץ-פראיעקט וועגן „עלטער-שיין", ד. ה. אז יעדער ווער עס ווערט אלט 55 יאר באקומט ער פון דער קהלה זיין שטענדיגע „לעבנס-קארטע", ווערנדיג באפרייט אין דער זעלבער צייט פון די „ארבעטס-פליכט" וואס ליגט אויף יעדן בירגער אלט ווערנדיג 18 יאר.

די „שטענדיגע לעבנס-קארטע" גיט דאס רעכט פריי אומעטום

8



צו רייזן, געניסן פון אלע גוטסקייטן, וואס דער שעפערישער מענשליכער געדאנק האט פאר דער לעצטער צייט ערפונדן. דער ערדישער גן-עדן הויבט זיך אן פארן מענשן דאן ווען ער האט דעם גאנצן לעבן געגעבן דער מענשהייט. און אויך דאן ווען די פיזישע קרעפטן הויבן אן צוגעהן צוריק גיט אים די געזעלשאפט אפ איר באצאלט פאר זיין פיליארינן מיה.

זיי זיינען געזעסן, יונגערבוים האט דערצעהלט און דערצעהלט...

קינדישמאן איז שיכור געווארן, אים האט דער קאפ אנגעהויבן דרעהען, נאר ניט פון דעם ווין, וואס ער האט געטרונקען, נאר פון אלעס דאס, וואס יונגערבוים האט אים אנגעדערצעהלט, עס איז פאר אים אויפגעשטאנען דער קאנטראסט פון די אמאליגע יארן, ווען זיי ביידע האבן אמאל אין גרויסן שטאט-גארטן, אויף א באנק ערגיץ ווייט, ווייט, אין א זייט, אז קיינער זאל ניט באמערקן ניט איין נאכט איבערגענעכטיגט, ווייל אין קיין האטעל האט מען זיי אלעם אידן ניט אריינגעלאזן.

— יא, איך געדענק — האט אפגעענטפערט יונגערבוים אויף קינדישמאנס ערינערונגען, און דארום וואלט איך פארלעגן, אזוי ווי אינגאנצן האסטו ווייניג צייט בא אונז צו פארווילן, קום, איך וועל דיר די שטאט ווייזן, וועסט זעהן דעם „גרינגארטן", וועסט זעהן דעם „פרייחייטס-פלאץ", וועגן וואס איך האב דיר דערצעהלט.

— קום מיין פריינד — האט געענדיגט יונגערבוים, זיך אויפהויבענדיג פון זיין ארט.

קינדישמאן האט זיך אויך אנידערגעשטעלט.

— יא, מיר געהען — האט ער מיט פארגעניגן איינגעשטימט, און די ביידע פריינד זיינען ארויס פון צימער.

IV.

ארופלאזנדיג זיך מיט די 7-טע ווינדע פון 22-טן שטאק וואו זיין צימער איז געווען זיינען ביידע פריינד געבליבן שטעהן. באלד—

9

האָט ערקלערט יונגענדבוים—קומט, דאָ אָן דער „אַראָפּגאַן" וועלן מיר
אַ פּאָר טהאָן אין „גרינגאָרטן".

— ווי זאָגסטו?—האָט פאַראינטערעסירנדיג זיך מיטן נײַעם נאָ-
מען—געפרעגט קינדישמאַן.

— אין „גרינגאָרטן" דאָס איז דער נײַסטער טייל פון שטאָט וואו
ס'איז געווען אין מײַנע צײַטן פעלדער, וועלדער, בלאָטעס און גריבער,
געדענקסט דאָך, פון אידישן בית-עולם אָן.

— נו, איז דאָרט איצט דער שענסטער שטאָט-טייל? אַ שיין
אָרט אויסגעקליבן געבן די „טויטן-ערטער"? האָט איראָניש אונטער-
געשמייכלט קינדישמאַן.

— זײַ רוהיג, מײַן פרײַנד, קיין „טויטן-ערטער"—עקזיסטירן שוין
בא אונז לאַנג ניט.

— טאָ וואו דען באַהאַלט איר די מתים, אָדער אפשר איז בא
אייך ערפונדן געוואָרן אַ געזעצליך מיטל פאַרן מלאך-המות?

— לאַך ניט, מײַן פריינד, אונזער „מעדיצינישער אינסטיטוט"
מאַכט שוין איינינע יאָר פּרובונגען אויף קראָליקעס און פאַרשידענע
חיות וואו מען שפריצט אַריין אַ סערום די נאָר וואָס געשטאָרבענע
אָדער דער'הרג'עטע און פון דעם לעבן זיי אָפּ. און פּראָפעסאָר ראַבי-
נאָוויטש דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט זאָגט אין זײַן זשורנאַל „די
געזונטהייט", אַז ס'איז מעגליך, אַז נאָר אין קורצן וועלן מיר קענען
ווען בא אַ מענשן ענדיגט זיך די יאָרן, פון אַלטקייט, אים אײַנצו-
געבן אַ קינסטליך נײַע נשמה, און ער וועט ווידער קענען לעבן. נאָר
הערוויל איז ער נאָך אונטער מעדיצינישע עקספּערימענטורא. נאָר דו
האָסט דאָך געפרעגט וואו באַהאַלטן מיר די מתים וועלכע שטאַרבן?—
וועל איך דיר ענטפערן, אַז דו וועסט מיט מיר זײַן אין „גרינגאָרטן"
וועסטו זעהן אַ שיין 40 עטאַזשיגע הויז, דאָס „קרעמאַטאָריום". דאָרט
ווערן די מתים פאַרברענט און יעדנס אַש אונטער אַ געוויסן נומער
געפינט זיך אין אַ באַזונדער קעסטל. און דערצו טרעפט בא אונז
זעלטן יונגע טויטן. דאָס לעבן איז אַזוי אויסגעשטעלט, אַז שטאַרבן





שטאַרבט מען פון אַלטקייט, פון שוואַכקייט, אָבער ניט פון די צופעל-
ליגקייטן אין די יונגע יאָרן ווי אַמאָל פלעגט זײַן. דער אַלטער דור
שטאַרבט אָפּ, קיין מלחמות איז שוין אַ יאָר אײַן און צוואַנציג ניט
פאָרגעקומען,—דעם נאָמען מלחמה ווייסן די יוגנד זיי נאָר פון די
געשיכטע, וואָס זיי לערנען אין די שולן; אין די ווייטערדיגע קלאַסן
פאַרנעמט אַ גרויסן אָרט די לעהרע פון „געזונט-פאַרהיטונג" סיי בחורים
סיי מעדלאך לערנען אין די עלטערע קלאַסן וועגן געשלעכטליכן לעבן,
ניט ווי אין אונזערע צייטן, ווען די יוגנד איידער זי פלעגט נעהן חתונה
האָבן פלעגט זי פריהער אַלע זומפּן פון לעבן דורכגעהן, און אונזער
צייט דאָ, ווייסט מען ניט וואָס הייסט אַזוינס לעבנס-זומפּ. אַ מעדל אין
שול, לערנט צוזאַמען מיט נאַטור-וויסנשאַפט, געשיכטע, ליטעראַטור
אויך קאָך-קונסט, געשלעכטליך-וויסנשאַפט און ערציהונג. און וואָלסטו
זעהן אונזערע יונגע מוטערס ד. ה. אונזערע קינדער גאַנץ אַנדערע ווי
די אַמאָליגע, וועלכע פלעגן וויסן דעם לעבן, דעם אינטימן לעבן, נאָך
די פאָרנאָגראַפישע ראָמאַנען, וואָס זיי פלעגן בשתיקה לייענען.

— דו ווייסט—מײַן פריינד—האָט אים איבערגעשלאָגן קינדיש-
מאַן, צו וואָס זאָלן מיר זיך דאָ אַרומדרעהען אויף צו וואַרטן אויפן
„אַראָפּגאַן" וואו די גאַנצע וועג ביזן „גרינגאָרטן" וועלן מיר זעהן נור
די לופט-פוסטקייט, נאָמיר בעסער צו פוס נעהן, אויב ס'איז ניט
צו ווייט.

— נאָהענט איז דאָס ניט—האָט אָפּגעענטפערט יונגענדבוים—
נאָר דו ביזט גערעכט, פאַר דיר וועט פיל אינטערעסאַנטער זײַן צו
פוס געהן, וועסטו זעהן וואָס האָט די קהלה דורכגעמאַכט אין פאַרלויף
פון די לעצטע 25 יאָר.

— וואָס עפּיס די קהלה? צו דען נאָר די אידישע קהלה האָט
דאָס אַלעס אויסגעבויט, און אַ וואו זיינען די זעלבסט-פאַרוואַלטונגען
פון די איבעריגע פעלקער?—האָט געפרעגט קינדישמאַן.

— אונטער דעם וואָרט קהלה—מײַן איך טאַקי די פעלקערליכע
זעלבסט-פאַרוואַלטונג, דאָ בא אונז איז דער צעגויפלעבן אַזוי רוהיג,

אזוי קאנפליקטלאך, אז די קענסט ניט אונטערשיידן און אפטיילן פון איין קהלה, שטיר זאגן די אידישע פון זאנאר. די אוקראאינישע, וועלבע איז די דעגירגדע. יעדע פעלקערליכע קהלה האט דאס רעכט אויסצוארבעטן איר געזעץ-פראיעקט, וואס אמבעלאנגט דאס אויסבעטערן פון שטאט ווען עס ווערט עס אנגענומען אין איינעגעם ראט ווערט די רעזאלוציע מיטן פראיעקט אריבערגעטראגן אין צענטראלן שטאטישן ראט און זי שטעלט עס אויף דער אפשטימונג פון אלע פעלקער, וועלכע אירע דעפוטאטן זיינען פארטראטן, און בא א מערהייט שטימען ווערט עס אנגענומען און גלייך דורכגעפירט אין לעבן.

— איז הייבט עס, געהען מיר צופוס, האט זיך ווידער געווענדעט קינדישמאן צו זיין פריינד.

— פון מיינטוועגן, ביטע, אט וועל איך דיר מאכן אונטערוועגנס האבן די געלעגנהייט צו ווייזן פיל פון אונזערע פארווירקליכטע פלענער וועלכע א דאנק אונזער איניציאטיווע די איניציאטיווע פון דער אידישער קהלה איז עס אין לעבן פארווירקליכט געווארן.

V.

זיי האבן ניט באוויזן אפצוגעהן קיין ראג גאס, זיי זיינען נור געקומען צו „א נארטן-ווינקל" אזוי האבן געהייסן די „סקווערן" וועלכע האבן זיך געפונען בא יעדער אנהויב גאס. ווי מיט א קינדישע נייגעריגקייט האט זיך קינדישמאנס בליק אפגעשטעלט אויף אלעם דאס וואס ער האט דא דערזעהן. צוערשט איז ער צוגעגאנגען נאהענט צום „שלום-עליכם" דענקמאל, אין דעם קליינעם מיט בלומען און גרינס באצוימטן גערטל, איז אין רעכטן צענטר געווען פון מראמארנעם שטיין אויסגעהאקט די פיגור פון שלום-עליכם. איידער ער איז צוגעשטאנען נאהענט האט זיך אים אויסגעדוכט, אז דאס זעהט ער דעם לעבעדיגן „שלום-עליכם", וועלכן ער האט אמאל, אמאל אין די קינדער-יארן געהערט לייענען אין שטאט-טעאטר פון זיינער שטאט אין דער ליטא, אזוי לעבעדיג איז דאס בילד געווען. שטעהענדיג נאהענט האט ער באמערקט, אז אויסער זיין אויסערליכן לעבעדיגן פארטרעט איז





אונטן דא פיל בארעליעפן, איינע רעכטס הייבט „די בירזשע אין מאזעפעווקע", דארט זעט זיך א גרופע אידישע מעקלערס בא א קאפע, האנדלען, וואנדלען, און צווישן זיי בולטער פון אלע פיגורן איז מנחם-מענדל, מיטן צוקנייטשטן שבת'דיגן קאפעליוש, א שווארץ צינן-בערדל, מיטן בטעקל, די פאזע איז ווי דרעהענדיג כיטן גראבן פינגער, אויף קינדישמאנען האט עס געמאכט א שטארקן איינדרוק, אים האט זיך געדוכט, אז דאס געפינט ער זיך אין דער קרינג-צייט אויף איינע פון די באלעבטעסטע בירזשן אין יענער צייט, ווען עס האט נאך געלעבט יענער בא וועמענס „אנדענקונגס-מאל" ער שטעהט איצט. לינקס — נאך א בארעליעף, דאס איז געווען א זעלטן רייכע קאמפאזיציע.

אין מיטן פעלד, שטעהט א פורל, קאנען מילך, א בידנע קליאטשע, אויפן וואגן אנגעפאקט א גאנצע פאמיליע מיט די שטובינע בעבעכעס. און דא זעען די פיגורן אזוי בולט, דו זעבט יחוח'ן, האדלען, שפרינגען. לעבן יעדער מאכטער איר באשערטער, דא געפינט זיך כוועדריק און אויך דער „פעפערל", אונטן אן איבערשריפט: „טעוויע מיט די משפחה פארט קיין ארץ-ישראל". און בולט'ער פאר די ביידע בארעליעפן ווארפט זיך אין די אויגן דער באגילדעטער בארעליעף, אדריטער, „אידישע קינדער", דארט דערקענט מען גלייך „יוסעלע סאלאוויי", בוזין, פערעלע'ן, דבורקה'ן, מאטל פייסי דעם חזנ'ס, פישעלע דעם שוחט'ס, געצעלען דעם לעפעשעווטן, בעני מאיר פאלקאוואי'ן. צווישן די גרופע קינדער, יעדער מיט זיין שמייכל, יעדער מיט זיין מינע, בלאנקען ארום אונטן אויף דער גרינער לאנקע מתושלח, — א אידיש פערד, ראבטשיק — א הינטל און מעני — דאס קעלבל.

זלמן קינדישמאן האט זיך ניט געקאנט זאט אנקוקן אויף די בארעליעפן וואו דאס גאנצע שאפונג כמעט שלום-עליכם'ס איז דא אויפן בארעליעף-שטיין אויסגעקריצט געווען.

VI.

זיי האבן זיך אויף א באנק דערבי צוגעזעצט, דער פאנטן וואס אין מיטן גערטל, האט אן אויפהער געשפריצט מיט פרישן קריסטאל-

קלאָרן וואַסער. די לופֿט אַרום, ניט קוקנדיג אויף דעם הייסן, לג־בעמר'דיגן טאָג איז געווען קיל, ווייל דאָס וואַסער, וואָס ס'האָט געפלאָסן פון פאַנטאַן האָט אויבער וואַסער אויך די לופֿט אָפּגעקילט מיט זיין קאַלטן גאַז, וואָס ער לאָזט אַרויס.

— דו זעסטו דעם פאָנטאַן?—האָט זיך יונגענדבוים צו זיין פריינד געווענדעט—

אָט דאָס געהערט אויך די איניציאַטיווע פון איינעם פון אונזער קהלה=ראַט, ד"ר אינזשינער=כעמי לאַזאַר דענקמאַן, איינער פון די יונגע פעהיגע אינזשינערן, וואָס האָט מיט איינינע יאָר צוריק געענדיגט אונזער פּאָליטעכניקום;

— נו, וואָס איז דאָ אַזוינס ערפינדערישעס?—האָט געפרובט קינדרישטאַן זיך ערקונדיגן.

— ערשטנס—האָט אָפּגעענטפערט איהם יונגענדבוים, איז אויסער דעם פאָנטאַן וואָס ס'איז ניט קיין נייעס, חאָטש ס'האָט זיך שוין געפֿונען אַמאָל אויך אין רייכע „באַזונדערוואָהנונגען" איז דאָ דאָס נייע, דער „אָפּקילענדער גאַז" זומער און ווינטער דער „רעגוליאַטאָר", וואָס אין דערוועלכער צייט חאָטש זומער איז דאָס וואַסער קאַלט און גיט אַרויס אַ קאַלטן גאַז, איז ווינטער פונקט פאַרקערט, דאָס וואַסער איז לעפלעך, און דער עיקר דער גאַז איז אַ וואַרימער און עס ווערט רעגולירט די לופֿט אויף אַזוי פיל סאַזשען וויפיל עס איז פון איין קוואַרטאַל ביזן צווייטן. ווען דו וואָלסט זיין בא אונז ווינטער אין שטאָט וואָלסטו זיך געוויס וואונדערן, דו זעסט ניט ווי אַמאָל פעלצן און וואַרעמע קליידער, ניין, די זעלבע לייכטע זומער=קליידער, קינסטליך גרינט דאָס גראָז, בלומען לעבן און די פֿויגל אויף די בוימער אין די וועלדער, וועלכע זיינען נאָהענט צו די גרויסע שטעט אַנטלויפן ניט ווי אַמאָל אין די וואַרימע לענדער, ניין. אָט דאָס אַלעס האָט ערפונדן אַ יונגערמאַן פון 28 יאָר, וועלכער איז געגאַנגען אין אונזערע קינדער=גערטנער, נאָכדעם אין אונזער פאָלקס=שול, שפּעטער אין די הויך=שול, און שוין זייענדיג נאָך אַלס סטודענט האָט מען זיינע גע־



ניאַלע פעהיגקייטן אַרויסגעוויזן און אין איינינע יאָר אַרום ווען עס איז פאָרגעקומען די קהלה=וואַלן איז ער דורך אַלס קאַנדידאַט פון די „ערדישע" אין דער קהלה.

— ווי האָסטו געזאָגט—האָט איהם אָפּגעשטעלט מיט אַ פראַגע קינדרישטאַן—מיט די שטימען פון די „ערדישע"? — וואָס איז דאָס אַזוינס?

— איך וועל דיר ערקלערן—זייט בא אונז איז איינגעפירט געוואָרן דאָס אחדות=סיסטעם און ס'איז בטל געוואָרן דאָס „געלט" ווי מען האָט עס אַמאָל גערופן, איז אויך בטל געוואָרן די אַלע פּאַרטייען, ווי סאָציאַליסטישע, ראַדיקאַלע, א. ז. וו. אַגעוויסע צייט האָט נאָך די אַנאַרכיסטישע זיך געהאַלטן, נאָר עס זיינען אויפגעקומען, ד. ה. עס האָט זיך דיפערענצירט צוויי סעקטן די „הימלישע" און די „ערדישע". די „הימלישע" פרעדיגט, ענטזאָגן זיך פון אַלע תענוגי העולם, פון די פאַרגעניגנס וועלכע דאָס לעבן קען דיר געבן, עס איז דאָ נאָך אַ העכערע וועלט—זאָגן זיי, אַ שענערע—דאָרט איז די הימלישע, די אַבסטראַקטע, זיי האָבן זעהר ווענינ אַנהענגער, אין יעדער שטאָט קענסטו געפינען געציילטע מענשן זייערע, זיי זיינען ענליך אויף די אַמאָלינע גריכישע אַסקעטן, אָדער די „הייליגע" די אמת'ע פרומע מאָנאַכן, וואָס ס'זיינען געווען אַמאָל אין גרויס=רוסלאַנד אין קייזערטום צייטן. די צווייטע סעקטע איז די „ערדישע", וואָס זאָגט: „באַרייכער און באַשענער דאָס לעבן, אז דאָס הימלישע זאָל אויף דער ערד זיין" און די סעקטע האָט דעם גרעסטן ערפאָלג. זי האָט די אינטעליגענץ, די אַקאַדעמיע איז פאַר איר, און אויך דאָס גאַנצע אַרבעטענדע פאָלקס=מאַסע.

## .VII

דער קופּאָל זייגער וואָס אויף דעם ראַט=האַוס האָט 12 אויסגעשלאָגן, יונגענדבוים האָט זיך פון זיין אָרט אויפגעהויבן, קום—האָט ער זיך צו איהם געווענדעט—מיר האָבן נאָך פיל צו זעהן, און אויב בא יעדער גערטל וועלן מיר זיך אָפּזעצן דאָן וועט עס חדשים נע־

דויערן בײַ וואַנען איך וועל דיר דאָס אינטערעסאַנטסטע נאָר אַלײן באַווײַזן.

— ביזט גערעכט, — האָט אײַנגעשטימט קינדישמאַן און ער האָט זיך אויך אויפגעהויבן פֿון זײַן אָרט און זײַ האָבן זיך אַ נעם געטאָן רעכטס צו דער זײַט גערטל וואו עס האָט זיך געזען אַ שײן אויסגעבויט בײַדל אויף אײַל־פֿאַרב אָפּגעפֿאַרבן. זײַ זײַנען צו גענטער, זלמן האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט און איבערגעלײענט דעם אויפֿשריפט אויבן:

„דער צײַטונגס־און ביכער־קיאָסק
פֿון דער קהלה".

פֿון קיאָסק האָט אַרויסגעקוקט אַ יונגערמאַנטשיק אַ יאָר דרײַסיג מיט אַ שוואַרץ־בערדל, ער האָט זיך צו זײַ געווענדעט:

— מײַנע פֿרײַנד, וואָס אײַך פֿאָרלעגן, די מאָרגן־צײַטונג, די וואָכנטליכע, אָדער נאָר דעם חודש׳ליכן זשורנאַל „די קהלה" שוין אַרויס פֿון דרוק דער 275־טער נומער.

קינדישמאַן האָט געבעטן פֿון אַלע די לעצטע נומערן, און פֿאַרגעסנדיג, אַז קײַן געלט באַצאָלט מען דאָ ניט פֿאַר דאָס באַקומענע האָט ער די האַנט אין קעשענע אַרײַנגעשטעקט, נאָר יונגערבוים האָט אים דערמאָנט.

— בײַ אונז איז שוין אַ רעכט ביסל יאָרן ווי דער מין געלט איז נאָר ניט בנמצא, שוין ניט רעדנדיג וואָס דאָס האָט אָנגעוואָרן דעם גאַנצן צוציהונגס־קראַפֿט ווי אין אונזערע אַמאָליגע צײַטן, ווען מענשן זײַנען געווען אַזוי ווילד, אַז צוליב געלט פֿלעגן זײַ מענשן קוילענען.

— אויב דו וואָלסט זיך ניט פֿוילן, מײַן פֿרײַנד, טאָ דערצעהל מיר, ווען און ווי אַזוי איז דאָס פֿאָרגעקומען דאָס פֿאַרשווינדן פֿון געלט, אין דער צײַט ווען בײַ אונז קען מען נאָך איצטער אויך ניט פּטור ווערן דערפֿון.

— אַט מירן גײן וועל איך דיר דערצעהלן.





זײַ זײַנען אַרויס פֿון גערטל, זיך אַ נעם געטאָן רעכטס, וועלכע גרענעצט זיך מיט מענדעלי־גאַס, נאָר ניט פֿון דער נאָרט זײַט, נאָר פֿון דער צווײַטער, יונגערבוים האָט אָנגענומען זײַן פֿרײַנד פֿאַרן אָרעם און אים אָנגעהויבן, געהענדיג אויפֿן געפֿלאַסטערטן טראָטואַר דערצעהלן.

— נאָך דעם גרויסן מלוכה־באַנקראָט אין יאָר 1925 איז בײַ אונז אײַנגעפֿירט געוואָרן נאָך אַ לאַנגען קאַמף און בלוט־פֿאַרגיסונג דאָס „אַחדות־סיסטעם", אָדער ווי זײַ האָבן דאָס דאַן גערופֿן די „סאָציאַלע אָרדנונג", ד״ה אַז יעדעס מיטגליד פֿון דער קהלה מוז אָפּגעבן זײַן אַרבעט דער קהלה, געמײנדע, צו זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג, יעדער לויט זײַן נאַציאָנאַלן אָנהענגערשאַפֿט. דערפֿאַר באַקומט אויך יעדער פֿון זײַן פֿעלקערליכע קהלה, דעם ערשטן פֿון חודש זײַן „לעבנס־קאַרטע", מיט די קאַרטע באַקומט ער אַלעס וואָס ער האָט נויטיג פֿאַר זיך און אויך פֿאַר זײַן פֿאַמיליע, אַלעס וואָס ער האָט נויטיג אַלס מענש און בירגער, קײן פּריוואַטע געשעפֿטן אַזוי ווי אין אַמאָליגע צײַטן זײַנען ניטאָ, דעריבער וועסטו ניט טרעפֿן ווי אַמאָל קײן אָפֿענע געשעפֿטן, קראָמען, מערק, מיט געשרײַען, הו־האַען און ז. וו. די שטאָט איז צוטײלט אויף ראַיאָנען, קוואַרטאַלן, און אין די צענטראַלע שטאָטישע לאַגערן, וועלכע געפֿינען זיך אין די האַנדלס־קוואַרטאַלן באַקומסטו אַלעס, וואָס דו האָסט נויטיג. דערפֿאַר מוז אָבער יעדער זײַן אַרבעט אויך אָפּגעבן דער געמײנדע יעדער צו וואָס ער איז פֿעהיג. אַט איך, למשל, בין אויסער פֿאָרזיצענדער אין שטאָטישן קהלה־ראַט פֿון מײַן ראַיאָן, אויסגעקליבן אַלס אַרויסגעבער פֿון דער בילדונגס־סעקציע פֿאַר דער קולטור־ליגע פֿון גובערניאַלן בילדונגס־ראַט, און אַט ווי דאָס קומט פֿאָר. ווען אַ שרײַבער ברענגט מיר אַ ווערק צום דרוקן, דאַרף איך עס פֿריהער אָוועקטראָגן אין „קולטור אַקאַדעמיע", אָפּטײלונג „קריטיק" און ווען די קריטיק־קאָמיסיע לײגט איר הסכמה שטעמפּל, אַז די זאַך פֿון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, אָדער וויסנשאַפֿטליכן איז אויסגעהאַלטן, דאַן באַקום איך צוזאַמען מיטן באַשטעטיגונגס־טאַלאָן אויך

א טאלאן צו באקומען — פון שטאטישן פאפיר-לאגער אזוי פיל בויגן פאפיר, און פון דער דרוק-קאמיסיע א טאלאן אויף אזוי פיל שעה ארבעט אויסגירעכנט וויפיל עס דארף פארנעמען, אין דער שטאטישער אלפעלקערליכער דרוקערײַ וואו עס זײַנען דא שריפט און ארבעטער פון אלע פעלקער, וועלכע באוואוינען די שטאט. ווען דאס ווערק ערשײַנט פון דרוק מוז מען אויך דאס גאנצע אפגעדרוקטע עקזעמפליארן אפשיקן אין בילדונגס-קאמיסאריאט פון דער קהלה און זי שיקט פאנאנדער אלע ביבליאטעקן און בוכאפטײַלונגען די פאררעגיסטרירטע אין בילדונגס-ראט.

די פארלעגער און בוכפארוואלטער נאך צען יאר פלײַסיגער און ערליכער ארבעט באקומען דעם טיטול „פײַנבירגער". דאס גיט אים דאס רעכט אויף אנדערטהאלבן קארטן צאל פון אלעם דאס, וואס יעדער באקומט נאר איינע. דער אחטאר ווען ער ווערט פאררעגיסטרירט אין „ליגע פון די אונשטערבליכע", וואס דארט קענען פאררעכנט ווערן איינציגע, די אמת-טאלאנטפולע פון גאט געבענשטע דיכטער, מאלער, מוזיקער א. ז. וו. דאן באקומט דער יעניגער נאכן אויסערארדענטליכע באדינגונגען, ער ווערט געשיקט אויפן מלוכה'שן חשבון אין די רײַכסטע און שענסטע קולטור שטעט פון דער וועלט, ער באקומט א פרײַע „וועלטאלישע קארטע", וואס ס'גיט אים לויט די אינטערנאציאנאלע אפמאכונגען דאס פרײַע רײַזן אומעטום און אלעס באקומען אויפן חשבון פון זײַן מלוכה, ניט קוקנדיג אויף זײַן עלטער.

## .VIII

— פארוואס זעט מען דא ניט קיינע אפענע געשעפטן?—האט א פרעג געטאן בא אים קינדישמאן—מיר געהען און געהען, און אין פארמאכטע געבײַדעס, עס מאכט דעם אײַנדרוק אזוי ווי אין „ערעניא" וואלטן אלע עפים א געהײַמען סוד פארמאגן, ערקלער מיר, מײַן פרײַנד.

— גאנץ פשוט, ווײַל מיר געפינען זיך איצט אין דעם קולטור-קווארטאל, דײַן האטעל געפינט זיך גראדע אויף „שלום-עליכם"-גאס,



וועלכע געהערט צום קולטור-קווארטאל, פארשטעהסטו, מײַן ליבער פרײַנד, נאך מיט יארן צוריק האט מען די אלט-שטאט אינגאנצן איבערגעבויט און פאנאנדערגעטײַלט אין קווארטאלן; פאבריקס-קווארטאלן, געברויכס-געשעפטליכע קווארטאלן און קולטור-קווארטאלן, אין דעם לעצטן קווארטאל געהען ארײַן אלע רעדאקציעס פון די צײַטונגען און זשורנאלן, אוניווערסיטעטן און שולן.

— זיי זײַנען געקומען ביז נאך א ווינקל גאס, זלמנען האט פאראינטערעסירט נאך א בילד, נאר דא זעט זיך שוין ניט קיין מענשליך געזיכט, ארום און ארום פון אלע זײַטן פארקלעפט מיט אפישן, רויטע, בלויע, גרינע און ווײַסע. זיי זײַנען צו נעהנטער, יונגערבוים האט אים ערקלערט.

— דאס איז א גאנץ געוועגליכער „אפישן קיאסק" פון דער אידישער קהלה.

— פארשטעהסטו מײַן פרײַנד,—האט ער אים ווײַטער ערקלערט—יעדע פעלקערליכע געמײַנדע האט זיך אירע קיאסקן, יעדע גאס האט דאך פיר עקן, איבערהויפט זײַנען די גאסן איצט איבערגעבויט—פאראלעלע, פון ביידע זײַטן אנהויב און ענדע צו צוויי קיאסקן פאר צײַטונגען און מודעות קלעפן.

זלמן האט אנגעהויבן לייענען די ערשטע גרינע אפישע, וועלכע האט צוגעצויגן זײַן אויפמערקזאמקײַט מיט די קינסטלערישע קלישע-מארקע אירע:

„הײַנט 6¼ אווענט וועט אין 1-טן אידישן אפערן-הויז
„אויף פרין-גאס געשטעלט ווערן די אפערא
„בא שלמה'ס טראן"
„בא דעם אנטײל פון באריטאן שטימאן און די יונגע פרי-
„מאדאנע חנה ווילענהאף, דער באלעט אונטערן אנפירונג פון
„דירעקטאר פון דער ניי-געעפנטער באלעט-שול ה' לײַכטפוס,
„קינסטלערישע דעקאראציעס פון מאלער פארבמאן.
„מוזיק—פון קאמפאזיטאר נאכטיגאל.

נים ענדיקנדיק לייענען די אפישע — דערבײַ א צווייטע:

„אין דראמאטיש־קינסטלערישן קליינעם טעאטער אויף טענע־
„דעלי־נאס וועט צום 57־טן מאל געשטעלט ווערן די טראגעדיע
„1905־טער יאר"
„פון באוואוסטן דראמאטורג א. פעלדמאן. די ראָל פון יונגן אידן
„וועט שפילן — דער טראגיק נאכטשאטן.
„אנהויב פונקט 6¾.
„עס גרייט זיך צום שטעלן דאס לעצטע שאפונג פון א.
„פעלדמאן:
„גירוש ליטא".
„דעם טאג פון שטעלן וועט געווי געמעלדעט ווערן".

IX.

— אך, ס'איז א נײַגעריק קינד די בוזע — האט שמייכלענדיק זיך אפגערופן יונגענדבוים צו זײַן פרײַנד — קום שוין, קום, און „גרינגארטן" וועסטו אויך אפישן האבן.

— בוזע גערעכט — האט איינגעשטימט קינדישמאן און ער האט צוזאמען מיט זײַן מיטשפאצירער זיך פארנומען ליניקס, וועלכע האט זיי ארײַנגעפירט אין איינע פון די צענטראלע לעבעדיקע גאסן, אויף „שעווטשענקא" גאס.

זלמן קינדישמאן איז געבליבן א ווײַלע אין פארטראכטע דמיונות, פארבײַ אים זײַנען ווי שדים, הין און צוריק דורכגעלאפן 3—4 עטא־זשיגע אויטאבוסן, מאטארן, טראמוואיען; רעכטס און ליניקס — צוויי ברייטע אלעען, בײַ די זײַטן — געדיכטע סאסנעס, די צווישן זײַנען אזוי געדיכט, אז זיי לאזן קוים, קוים א דורך די זון־שטראלן, וועלכע חילן זיך דורכרײַסן און פארנעמען אן ארט אויך אויף דער זאמדיקער ערד צווישן די אלעען. פול מענטשן אויף די רייען בענק, געקליידעטע אין העל־ווײַסע זומערדיקע קאסטיומען. די פנים'ער שמייכלענדיק־לאכנדיקע.

ער איז צו נעהנטער צום „ווינקל־גארטן" און ניט ווילנדיק האט זײַן בליק געמוזט זיך אפשטעלן אויף דעם פראכטפולן בראנזאוון „אנ־



דענקונגס־מאל" פון שעווטשענקא, מיט גאלדענע אותיות האט ארויס־געקוקט דער אויפשריפט:

„דער נביא פון אוקראינע
טאראס שעווטשענקא"

| געבארן | געשטארבן |
|---|---|
| 25־טער פעוורא[ל] 1814 | 26־טער פעווראל 1861. |

זיי האבן געוואלט ארויפגעהן אויף דער צווייטער זײַט גאס און ארײַנגעהן אין די אלעען. יונגענדבוים האט אים אויפמערקזאם געמאכט אויף א קליין אומבאמערקט בילדל, וועלכע פירט אריבער פון איין זײַט גאס אויף דער צווייטער, אין די צענטראלע, קאבינע גאסן.

יונגענדבוים האט א דריק געטאן דאס קנעפל N, וואס אויפן בילדל, עס האט זיך דאס טירל געעפנט; זיי האבן זיך אוועקגעזעצט אויף א נאגין באקוועמען שטול און אויפהויבנדיק זיך אין דער הויך זײַנען זיי אומבאמערקט אראפ אין אנהויב אלעע. ארויסגעהענדיק האט יונגענדבוים צוריק א דריק געטאן, זעהענדיק אז קיין ווארטנדיקע זײַנען ניטא, און אויטאמאטיש איז דער שטול אוועק אויף זײַן פריהערדיגן ארט. זיי האבן זיך אוועקגעזעצט אויף איינעם פון די בענק, קינדיש־מאן האט ארויסגענומען זײַן פעקל צײַטונגען, צוערשט האט ער גענו־מען לייענען דעם טעגליכן בלאט, און ווידער האט זיין אויפמערקזאם־קייט צוגעצויגן די מודעות, ווײַל אין אלגעמיין האט זיך די פרעסע געפונען אין א שטילן, אונבאוועגליכן צושטאנד, מען האט זעהר שווער, א חוץ דעם פארמאט ניט געקענט אונטערשיידן פון א טעגליכן בלאט ביז א מאנאטליכן זשורנאל, דער אינהאלט איז געווען כמעט איין און דערזעלבער, קיין ספעציעלע, איבערראשענדע נײַעס איז ניט געווען, און קיינער האט עס ניט ערווארט אויך. די טעגליכע צייטונג פלעגט מער דינען אלס אינפארמאטיווע וועגווײַזערין פארן בירגער אין זײַן אלטעגליכן לעבן. די ליטעראַרישע זײַט, דער פעליעטאן פלעגט זיך אויסשליסליך פארנעמען מיט ערינערונגען פון דער גרויסער רוסישער

אין אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע. פון די וועלט-מלחמה, פון דעם אַמאָליגן רעכטליכן צושטאַנד פון די אידן אין פאַרשידענע לענדער. דאָס האָט פאַרנומען נאָך די מודעות, דעם גרעסטן אָרט.

X.

זיצנדיג אַזוי און לייענענדיג די צייטונג האָט זיך דערהערט דאָס הוישען פון דעם „אַעראָפּלאַן", וועלכער האָט זיך דערנענטערט צו זיי. עס האָט זיך דערהערט דאָס פליגל-רויש, און שטאַרקער, און נעהנטער עס ווערט די הוישעריי, און אַט האָט דאָס פויגל-שיף זיך אַראָפּגעלאָזן ניט ווייט פון זיי, אויפן ראַנד אַלע וואָס עס האַקט איבער איין נאָס די צווייטע.

עס זיינען אַרויס פיל מענשן, פרויען, קינדער און נאָך מער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין „אַעראָפּלאַן". צווישן די וועלכע זיינען אַריין האָבן זיך אויך געפונען אונזערע שפּאַצירענדע קינדישמאַן און יונגערבוים.

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די פּלושענע ווייכע בענק אין „אַעראָפּלאַן", וועלכער האָט אַריינגענומען ביז הונדערט מאַן. די ביידע פריינד האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך איבערבייטן מיט איינע ווערטער ווי דער אינסטרוקטאָר האָט אויסגערופן:

— גרינגאַרטן, פרייהייט'ס-פּלאַץ דריי מינוט שטייען.

זיי האָבן זיך צוזאַמען מיט די אַלע איבעריגע אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און אַרויף אויף דעם ברייטן, פרייען, דורכאויס מיט גרינס אַרום פאַרפלאַנצטן פּלאַץ, וועלכער האָט געפירט אין די אינוועניגסטע גאַסן פון „גרינגאַרטן" ווי זיינען — אויפן „פרייהייטס-פּלאַץ".

דער „פרייהייטס-פּלאַץ" — דאָס איז געווען אַ אינגעהויער גרויס פירקאַנטיג פּלאַץ, איינגעאָרדענט אין אַלע זייטן מיט טריבונעס, איבער יעדער טריבונע איז געווען „אַ טאָגלייכטער" — אַ עלעקטריש לאָמפּ, וועלכער גלייכט אויס די נאַכט-פינסטערנעש מיט דעם טאָג-ליכט. צווישן די אַלע טריבונעס איז געווען איינע אַ צענטראַלע — די בינע, אויף איר האָבן געקענט אַנטייל נעמען ביז פינף הונדערט מאַן, וועלכע פלעגן דורכפירן אין יום-טובים די גרויסע פאָלקס-פאַרשטעלונגען





אונטערן פרייען הימל, ביי בייטאָג און ביי ביינאַכט, איבערהויפּט פלעגט זיך אויסצייכענען די דעקאָראַטיווע טעאַטראַל-קונסט, זי איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַלין וואָס די רעזשי פלעגט נאָר דאַרפן: אַ וואַלד, אַ טייך, א. ז. וו. פלעגט עס אויף עלעקטרישע מאָטאָרן אַרויסגעצויגן ווערן פון די אונטערערדישע היילן פון דעם „פרייהייטס-פּלאַץ". די גרויסע מאַסן פאַרשטעלונגען אונטערן פרייען הימל דאָס זיינען געווען די פּאָפּולערסטע פאַרשטעלונגען אין „עדעניאַ".

זלמן קינדישמאַנען האָט פאַרכישופט די, שטאָלצע מאַיעסטעטישע סטאַטוע, „די פרייהייט", וועלכע האָט זיך געפונען אין סאַמע מיטן פּלאַץ און וועלכע האָט זיך געזען פון אַלע זייטן, דאָס איז געווען איינע פון די קינסטלערישע שאַפונגען פון דעם באַרימטעסטן סקולפּטורישן געניע מאַרק קריצענשטיין. די „פרייהייטס-סטאַטוע" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פאָלגענדעס:

אַ יונג מיידל, מיט אַ פלאַמיגן בליק, מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע לאָקן דערטרעטנדיג מיט אירע פיס אַ שלאַנג, וועלכער האָט איר אינגאַנצן אַרומגענומען האַלט זי אין איין האַנט אַ בלוט-רויטע פאָן — אין די צווייטע — אַ שוואַרצע. אונטן פון דער זייט פון די רויטע — אַ באַרעליעף, אויף אים הויכע באַריקאַדן, פלאַמענדע געזיכטער, ס'קומט פאָר אַ קאַמף. פון די צווייטע זייט — אונטער די שוואַרצע פאָן — אויך אַ באַרעליעף — די געפאַלענע קרבנות נאָכן קאַמף, דערשאָסענע, דערהרג'עטע אַ רוס, אַ אוקראַינער, אַ פּאָליאַק, אַ איד, אַ גרוזין א. ז. וו. מיט אַן אויפשריפט:

„צוזאַמען געקעמפט — צוזאַמען געשטאָרבן".

ביי דער „פרייהייטס-סטאַטוע" איז געווען דאָס באַליבטעסטע אָרט פון דער יוגנט, דאָ פלעגט מען בלומען ברענגען, און די גאַנצע סטאַטוע איז געווען שטענדיג מיט בלומען-קרענץ באַקרוינט, אַז קוים, קוים האָט מען געקענט באַמערקן די אויפשריפטן אויף די סקולפּטורן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די באַרעליעפן.

## XI.

זיי האבן זיך ארײַנגעכאפט אין די בופעט-אלעע, וואו זיי האבן לײַכט צונעכיסן און זיך גענומען ווײַטער באקוקן דעם גרויסן, גרענצלאזן פלאץ. פונדערווײַטן האבן זיי דערזען דאס אנקומען פון די שול-קינדער, עס האט זיך צו זיי דערטראגן דאס מילדע געזאנג פון טויזנטער יונגע שטימעלאך, פון פיר-פינף יאריגע קינדער, וועלכע קומען דא הײַנט פײַערן זייער באליבטן קינדער יום-טוב — ל״ג בעומר. קינדישמאן און יונגעדכוים האבן פארנומען א פלאץ אויף די אנזיכט-גאלעריי. דער שטראם פון די אנקומענדיגע קינדער איז אלץ גרעסער געווארן. אינגלאך, מעדלאך, פארלאכוויי, מיט לויכטענדיגע שײַנענדיגע געזיכטלאך, אונטער דער אנפירונג פון זייערע לערערינס און לערערס מארשירן אויפן „פרײַהײַטס-פלאץ“. יעדעס קינד האט אין האנט א פײַל און בוינן, דער סימוואל פון הײַנטיגן יו״ט. אויפן לאץ — א פעלד-בלימל וועלכע זיי האבן אין וואלד אנגעריסן פון וואנען זיי קומען איצט, אן די ערשטע פארל, וואס ס'האט זיך באוויזן און וואס האט זיך דערנענטערט צו די טריבונעס האט געהאלטן א פאן, אויפן פאן אן אויפשריפט:

מיר טאנצן און שפילן
מיר לאכן און שטיפן.
מיר — אידישע קינדער,
הײַנט איז אונזער יום-טוב — ל״ג בעומר!

די מוזיק פון פארבאנד פון די מיטעל-שולן און קינדער-גערטנער, וועלכע האט שוין פארנומען א טריבונע, שפילט דעם קינדער-הימן און די קינדער, זינגענדיג מארשירן, מיט אויסגעשטעלטע ברוסטעלאך אפענע העלזעלאך, פלאטערנדיגע בעקעלאך און אויגעלאך, זינגען זיי אלע ווי איינער:

זומער, זומער
געהען מיר אין וואלד (2 מאל)



זינגען דארטן פייגעלאך,
פייגעלאך, —
יונג און אלט. (2 מאל)

———

ווינטער, ווינטער,
ליגן מיר אין שניי; (2 מאל)
קוילקעס שניי ווארפן מיר,
ווארפן מיר —
איינס און צוויי. (2 מאל)

——

פסח, פסח,
שפילן מיר אין ניס; (2 מאל)
צוגרינען זיך די גרעזעלאך,
גרעזעלאך —
פון זומער — א געריס (2 מאל)!

——

סוכות, סוכות,
שפילן מיר אין סכך, (2 מאל)
ווינטן קאלטע פײַפן שוין,
פײַפן שוין —
בארעגנט ווערט דער דאך. (2 מאל)

———

קינדער, קינדער,
געהט זשע טריט ביי טריט; (2 מאל)
מעג דונערן און בליצן,
בליצן —
אונז ארט עס ניט!... (2 מאל)

———

זלמן קינדישמאַן איז געזעסן און זיך צוגעהערט צו דעם זיס־מעלאָדיש קינדישן געזאַנג, און אין דעם מאָמענט וואָלט ער דאָס גאַנצע לעבן זײַנס אָפּגעגעבן צו ווערן צוריק אַ קינד. אַ קלײן פיר־יאָריג אינגל, מאַרשירן צוזאַמען מיט זײ, און זינגען צוזאַמען מיט זײ דעם נאַאיווען קינדערשן ליד פון זומער און ווינטער. נאָר דאָ האָבן אים זײַנע געדאַנקען איבערגעריסן דאָס פּײַקלען פון די פּײַקלער, וועלכע האָט באַטײַט, אַז די ערשטע אָפּטײלונג פון לידער־געזאַנג איז געענדיגט און איצט וועט פון די טריבונעס ערקלערט ווערן פאַר די קינדער די באַדײַטונג פון ל"ג בעומר. אײנציגווײַז זײַנען אויף דער הויפּט־טריבונע אַרויף קינדער פון די עלטערע קלאַסן, עלטערן, די פּרעבעליכטיגס, און לערערס און ס'האָט זיך געענדיגט די צווייטע אָפּטײלונג. די שענסטע אָפּטײלונג איז געווען די דריטע ווען דער פּײַקל האָט ווידער אָנגעהויבן פּײַקלען און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די קינדער־פאָרשטעלונג, וואו ס'האָבן אָנטײל גענומען ביז 200 קינדער אין די פּיעסע „ל"ג בעומר".

זלמן קינדישמאַן האָט זיך ניט געקענט אָנקוקן פון דאָס וואָס ער זעט מיט זײַנע אויגן, אים האָט זיך אין דעם מאָמענט אויסגעדוכט, אַז דאָס לייענט ער אַ פאַנטאַסטישן ראָמאַן, אַז דאָס זעט ער אַ שײנעם קינדער־חלום, אָדער ער הערט אַ מעשה'לע, וואָס מען דערציילט אַ קינד בײַם פאַרווינן. נאָר דאָס אָפטע 'פּויקן פון די פּײַקלער בײַם אָנהויבן אַ נײַע טײל פון דער פּראָגראַם פלעגט אים אויפוועקן פון זײַנע חלומות.

עס איז גראַדע איצט פאָרגעקומען די ספּאָרט־אָפּטײלונג, מען האָט דורכגעפירט „יעקב'ס לײטער", דאָס איז אַ לײטער פון 500 יונגע בחורים פון די עלטערע קלאַסן אײנער אויף דעם אַנדערן שטעלן זיך אַרויף, און ווען דער לעצטער דער 500־טער איז שוין אויבן, דאַן לאָזט ער בליציגע ראַקעטן און דאַמיט ווערט געשלאָסן די פאַרווײַלונג.

עס האָט אָנגעהויבן טונקלען, די זון האָט זיך אָנגעהויבן שפּילן אין אַ רויט־פאַרליבעניש, די קינדער מיט זײערע מוזיק־אָרקעסטרען



האָבן זיך געלאָזן גײן צוריק אין וואַלד און פון דאָרט וועט פאָרטגעזעצט דער יו"ט אויפן טײַך „אוקראַינא", וואו דער ספּאָרט־פאַראײן „יוגנט" פירט דורך זײַנע גימנאַסטישע וואַסער־נומערן, נאָר קינדישמאַן איז געווען מיד פון אַלעם דאָס, וואָס ער האָט געזען, געטראַכט און איבערגעלעבט, און ער האָט באַשלאָסן צו גײן אַ הײם צו זיך אין נומער אין „פּרײַפּאַלק".

— זײ האָבן זיך בײַם „אַעראָבאַן"־פּלאַטפאָרם, וואָס גײען „פרײַהײטס־פּלאַן" פאַראָפּשײדעט. קינדישמאַן האָט געמוזט צוזאָגן זײַן פרײַנד יונגערבוים, אַז מאָרגן באַזוכט ער אים, ער וועט אים באַקענען מיט זײַנע טעכטער, און נאָך פיל אינטערעסאַנטעס וועט ער אים דורכווײַזן.

זײ זײַנען יעדער אַרײַן אין זײַן „אַעראָבאַן", דאָס לופט־שיף האָט מיט זײַנע פליגלען זיך צעפּאָכעט, די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף „ערעניא", נאָר אַ נאַכט אַ ליכטענדע, באַלויכטן דער הימל מיט שטערן, די גאַסן מיט „טאָגליכטער", די אַלעען און בקערן—פול מענטשן, יונג און אַלט, מען באַגעגנט די נאַכט־מלכּה, מען טרוימט, מען ליבט, און אַ ברכה רוהט אויף „ערעניא"—דאָס האָט גאָט דער שעפער געבענטשט די אָנקומענדיגע נאַכט פון שײנעם בלויען זומער אין די גרינע באַצווײַגטע און לעבנסלוסטיגע „ערעניא".

## .XII

די נאַכט איז אַוועק.

פאַרטאָג. דער הימל אין מזרח רויטלט זיך, דאָ איז ער רויז ווי די בעקעלאך בײַ אַ יונג קינד, דאָ ווערט ער פיאָלעט. זלמן קינדישמאַן איז שוין אויף, ער איז איבערהויפּט ניט געוואוינט צו שלאָפן שפּעט. ער איז נאָר וואָס אַרויס פון וואַנע, דורכגעמאַכט זײַן אַלטעגליכן גימנאַסטיק־קורס, אָנגעטאָן זײַן פרימאָרגן־בלוזע, איז צום פענסטער, וועלכער איז אַ גאַנצע נאַכט געווען אָפן, אַזוי שלאָפט ער שוין פיל יאָרן.

די פאַרטאָג־לופט איז געווען קיל און פריש, אַ רעגנדל, אַ נאַכטס צעבענשטער האָט דורכגעצוואָגן די נאַכט־לופט, און אויף יעדעס בוים

זײַנען ווי גאָלדענע טרערן געלעגן די טראָפּנס פֿון נאַכטיקן רעגן. דער זינג-פֿויגל, וואָס אין זײַן צימער האָט זעקס מאָל איר מאָרגן-ליד געזונגען און געגעבן צו וויסן, אַז דער זייגער איז זעקס. ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף די שטילע שלאָפֿנדיקע גאַס; שאַ, שטיל. קיין גאַסן-גערויש, קיינע אויטאָבוסן, אַעראָבאַנען — אַלעס שלאָפֿט און טרוימט.

זלמן האָט היינטיקע נאַכט ניט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן, די אַלע געזעענע בילדער, דער „פֿרײַהײַטס-פּלאַץ", די דענקמעלער, די מאַרשירנדיקע קינדער — דאָס אַלעס האָט זיך צעזויפֿנגעפֿלאָכטן אין איין פֿאַנטאַסטיש בילד און געשטערט אים זײַן שלאָף; שוין לאַנג האָט זײַן גײַסט און פֿאַנטאַזיע אַזוי ראַשיק ניט געאַרבעט ווי די נאַכט, דאָ איז ער אין יפֿו, דאָ אין מצרים, דאָ אין סאַנט-טהאָמאַס און דאָ אויף די קאָרסיקאַנישע אינזלען. ער האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט אומגעוואָרפֿן פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט איז ער קוים אײַנגעשלאָפֿן.

---

זלמן קינדרישמאַן איז געשטאַנען בײַם פֿענסטער. זײַן ברייטע פֿרימאָרגן-בלוזע פֿאַנאַנדערגעשפּילעט, די האַלז — אָן אָפּענע. ער האָט זיך געפֿילט זעהער גוט נאָך די פֿרימאָרגן-וואַנע, וואָס ער האָט נאָר וואָס גענומען אין זײַן צימער, וועלכער איז געווען מיט דעם פֿולסטן קאָמפֿאָרט אײַנגעאָרדנט. ער איז געשטאַנען אַזוי אומבאַוועגליך, אָנגעשפּאַרט אָן פּאַרענץ פֿון פֿענסטער. ער האָט זיך באַטראַכט אָן די הייסע מזרח-לאַנד, אָן די לאַנד וואו אַ טייל פֿון זײַן פֿאָלק וואוינט אַ זעלבסטשטענדיג לעבן, וואוינט אויף איר אייגן ערד, אַקערט די אייגענע פֿעלדער, שנײַט די ווײַנטרויבן פֿון די אייגענע ווײַנגערטנער. און דאָך האָט ער זיך דאָ געפֿילט פֿיל בעסער, ער האָט זיך דערמאַנט אַן אָרט פֿון תּלמוד, וואָס ער האָט אַ מאָל אין זײַנע יונגע יאָרן געלערנט. וואו עס זאָגט זיך:

28



„...עס וועט קומען אַ צײַט ווען ארץ-ישׂראל וועט זיך פֿאַנאַנדערשפּרייטן, וואו אידן וועלן זײַן — דאָרט איז ארץ-ישׂראל.

— יאָ, האָט ער פֿאַר זיך אײַנגעשטימט, צו דיגן דאָ איז ניט ארץ-ישׂראל, ווען איך טרינק די ווײַן פֿון „נפּניה", לערן אויף מײַן שפּראַך אין מײַנע שולן, בוי דאָס לעבן ווי איך פֿאַרשטעה, און פֿיל ניט דעם דרוק פֿון דעם הײַפּעלע אונטערדריקער, וועלכע דאָרט אין פּאַלעסטינא האַלטן נאָך פֿעסט די פּענטע איבער דאָס גאַנצע אַרבעטענדע פֿאָלק; און נאָך האָט ער געטראַכט אין דעם ראַיזיגן פֿרימאָרגן... נאָר פּלוצלונג! וואָס זעט ער? ווער קוקט עס פֿון דעם אַנטקעגנדיגן פֿענסטער?

— איז עס אפשר אַ חלום? — ניין! — ער האָט אַ וויש געטאָן די אויגן, אָנגעטאַפּט זײַן פֿעסטע ווײַסע האַלז, יאָ, ער איז אויף, און דאָס זעט ער אויפֿן וואָר.

— נאָר ווער איז זי? וואו האָט ער געזען דאָס אַזוי באַקאַנטעס געזיכט?

שוין 25 יאָר ווי ער איז אין „ערענא" ניט געווען, און זאָגאַר אין גאַנץ חוץ-לארץ און ווי באַקאַנט איז דאָס געזיכט אים!

זײַנע גאַנצע געדאַנקען האָט ער אָנגעשטרענגט אַרום דעם איין פּונקט, ווער איז זי די, וואָס איז אויך ווי ער אַזוי פֿרי אויפֿגעשטאַנען, און שטעהט און קוקט אָן אויפֿהער צו זײַן אָפּענעם פֿענסטער? אומזיסט האָט ער געזוכט און איבערגעבלעטערט אין זײַן זכרון זיך צו דערמאָנען אַ וואו האָט ער אַזאַ געשטאַלט געזען? — נאָר אומזיסט, ניט איין פֿרוי מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפֿן אויף זײַנע רײַזעס און מיט וועמען ער איז באַקאַנט געווען איז ניט געווען ענליך אויף דעם ספֿינקס, וועלכער איז געשטאַנען ווי ער בײַם אָפּענעם פֿענסטער אין אַ מאַט-בלויען מאָרגן-קלייד. ער האָט קוקנדיג אָן אויפֿהער געקענט אויך אונטערשיידן און קלערער זען די קאָנטורן און ליניען פֿון איר געזיכט און קערפּער. מיטעלער הויך, בלאָנדע האָר, די אויגן שוואַרצע טיפֿע, ברוינע ווי דאָס אויסזען פֿון פּאָלצעטינע קאָרש, אַ רונדע

29

קײַלעכדיקע דונקל בראָנזאָווע האַלז, די שולטערן — נאַקעט, עפּעס האָט זי אויסגעזען ווי אַ שפּאַניערין, ער וואָלט גלייבן, אַז דאָס איז אַ טאָכטער פון די אַלטע מאַראַנען. זי שטייט און קוקט, און וואָס מער זי קוקט אַלץ באַקאַנטער ווערט זי אים.

— נאָר וואו האָט ער איר פּאָרט געזען?...

ביז אַ ווײַנער האָט דער „אויטאָמאַטעלעפּאָטאָפאָן" אָנגעהויבן צו קלינגען, ער איז צו צום אַפּאַראַט און באַשטעלט זיך פרישטיק. צוזאַמען מיט דעם פרישטיק, וואָס ס'האָט זיך באַקומען אויף אַ קלײן העלפאַנטבײַנישן טעצעלע איז געלעגן אַ בריוועלע, געשריבן אויף אַ דין בלעטל פון אַ בוים, אין צעטעלע איז געשטאַנען:

— „אומבאַקאַנטער און דאָך באַקאַנטער פרײַנד"!

ער האָט אַ ציטער געטאָן איבערלייענענדיק נאָך דעם אָנהויב, ער איז צו צום פענסטער, די געשטאַלט איז פאַרשוואונדן, ער האָט גענומען לייענען ווײַטער:

„אויב איך האָב קײן טעות ניט, איז אײַער פאַמיליע־נאָמען
„קונדישמאַן, איר זײַנט פון דער ליטע, איר זײַנט דער,
„פון וועלכן כ'האָב אַמאָל, אַמאָל געטרוימט. ווען איר וועט
„מיך דורכן פענסטער געבן אַ צײכן מיטן פינגער, אָדער
„אַ דריק טאָן דאָס קנעפּל נ. און ב. וועל איך אײַך נאָך
„מיטטײלן. איך וואַרט בײַם טעלעפאָן־בית

אײַער נעמי.

קונדישמאַן איז אַרומגעגאַנגען אַ איבערראַשטער איבערן צימער, געקלערט, ווער קאָן דאָס זײַן, נעמי? נעמי? פון מיר געטרוימט? נאָר וואָס קלערן?—ער האָט אויפגעשנעל אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל נ. און ב., ער האָט דערהערט אַ דין מעלאָדישע שטימע און אַזאַ ליבע, אַזאַ באַקאַנטע, עפּעס האָט אים די שטים דערמאָנט זײַן אַמאָליגע לאַנג, לאַנג פאַרשוואונדענע יוגנט.

— נעמי, ווער ביזטו?

— איך קום צו דיר—האָט מען געענטפערט—איך קום.





זי איז ניט אַרײַן ווי געוויינלעך דורכן טיר, נאָר ער האָט דערהערט דאָס געכטיגעס הוישען ווי פון „אַערצבאַן", נאָר דאָ איז געווען עפּיס אַנדערש, אַזוי ווי אַ זומער־פויגעלע איז זי אַרײַנגעפלויגן צו אים אין צימער. ער האָט איר מיט פאַרוואונדערונג אָנגעקוקט, זי האָט גערעדט, אָפּטאָקנדיג וואָרט אין וואָרט.

— „קונדישמאַן, אָ, יאָ, זלמן, דאַכט זיך, פון דער ליטע געבוירן, דאָס ביזטו?

— יאָ, איך!—האָט א טבול־בלדיגער אָפּגעענטפערט זלמן. זי האָט אים אַ קוש געטאָן אין זײַן הויכן גלאַטן שטערן און ווײַטער גערעדט:

— איך בין די, וועלכע אַמאָל, אַמאָל מיט 35 יאָר צוריק פלעגסט ביז בײַ מײַנע פענסטער אַרומגעהן, פון דײַנע ליפּן פלעגט מײַן נאָמען ניט אַראָפּ, איך פלעג שטיין בײַ מײַן פענסטער, זיך שפּילן מיט מײַן לאַנגן בלאָנדן צאָפּ, און קוקן ווי דו פלעגסט ווינטער, אין פראָסטיגע נעכט אַרומבלאָנדזשען ווי אַ נאַכט־שומר הין און צוריק. דער עלעקטרישער לאָמפּ, וואָס ס'איז געווען נעבן אונזער טויער פלעגט פאַנאַנדערשפּרייטן גאָרבן־שטראַלן, בלאַסע, לבנה'דיגע אויף דײַן בלײַכן, בלאַסן פּנים, איך בין—נעמי.

קונדישמאַן האָט זײַן קאָפּ אַראָפּגעלאָזן.

— ביזטו נעמי פון שול־געסל, יענע נעמי, איז עס מעגליך? ביזט דאָך נאָך אַזוי יונג? אַזוי בליהענד־שײן?!...

— יאָ, דאָס בין איך.

זי האָט אָנגענומען זײַן האַנט, אים צוגעפירט, ווי מען נעמט אַן אַ קלײן קינד, האָט זי אים אויף דער ווײכער פלושענער סאָפע אַוועקגעזעצט, און נאָך אַ מינוטנדיגן שווײַגן, האָט זי עפּיס אַרויסגענומען פון איר בוזים,

— דו זעהסט—האָט זי זיך צו אים געווענדט—אָט דאָ אויף מײַן ברוסט האָב איך 35 יאָר געטראָגן דיך, איך האָב ניט געגלויבט, אַז דו לעבסט, איך האָב ניט געהאָפט דיך צו טרעפן, נאָר דײַנס אַ ליד

וואס דו האסט אמאל אמאל ווען מיר געזונגען היט איך נאך איצט. יעדן פרי-מארגן, ווען איך עפן נאר מײַנע אויגן אויף — איז עס מײַן תפילה, יעדן בײַנאכט, ווען איך לעג זיך אויף מײַן געלעגער — איז עס מײַן קריאת-שמע, נא לייען.

זי האט אים דערלאנגט א צוזאמענגעלעגט גלאנציג און דופטענד שטיקל פאפיר, אויף דאס פאפירל — אן ארויסגעריסן בלעטל פון אן אלטן זשורנאל, וואו ס'איז געווען געדרוקט איינע פון זײַנע ערשטע יונגנ-לידער.

„... צי ווייס זי פון עטוין א בחור, א בלאסן,
„וואס ליבט איר זא קינדיש, כ'וואלט שטארבן פאר איר;
„צי ווייס זי פון יענעם וואס בלאנזשעט אין נאסן,
„וואס קושט א פארליבטער דעם שוועל פון איר טיר?...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— יא איך האב געוואוסט — האט זי ווייטער גערעדט, גלעטנדיג מיט אירע דינע צארטע פינגער, זײַן שעהן שוואַרצן נרויער קאפ — יא איך האב געוואוסט פון דײַן ליבע, און צו שטארק האב איך דיר געליבט, אז איך זאל דיך מײַן ליבע ענטפלעקן קענען. די אמת'ע ליבע — איז די, וועלכע פארברענט אויף אש — דאס הארץ צעוועהטאגט — די נשמה, ווי דיר אזוי מיר, און איך האב געליבט און געליטן.

— האסטו דען נאך ניט חתונה געהאט? — האט ער פלוצלונג א פרעג געטאן.

— ניין, האט זי פעסט אפגעענטפערט. איך האב מײַן ליבע נאר פאר דיר געהאלטן, און אויב מיר וואלט ניט באשערט געווען דיך מײַן ליבע צו שענקען — איז נאר איינער דא וועלכער וואלט מײַן ליבע באקומען — דאס איז דער שווארצער טויט. נאר מיר האט מײַן הארץ געזאגט:

— דו ביזט ווי די פויגל, וועלכע האט איר נעסט פארלאזן טען האט איר צו אן אנדער „פאר" צוגעפאַרט, דאכט זיך גוט, נאר ניין, זי וועט צוריק איר „זי" געפינען. און דו ביזט געקומען.



קינדישמאן איז אלץ געזעסן ווי פריער, דעם קאפ צו דער ערד געגידערט און געטראכט:

— ניט שוין זשע איז עס אויפן וואר? זי, נעמי? נעמי די שטאלצע נעמי?...

— יא, דאס בין איך — האט זי אים פעסט אומארמענדיג ארויסגערעדט, דאס בין איך, און אויב דיר איז ווייניג באווייזן — נא, אט האסטו נאך א באווייז!...

שנעל האט זי איר מארגן-קלייד פאנאנדערגעשפילעט, ס'האט זיך ענטפלעקט פאר אים אירע נאקעטע אלבאסטער-ברוסט פולע, שטאלצע ווי בא א יונגע אכצן-יאריגע פרינצעסן, נא, לייען וואס אויף מײַן הארץ איז אויסגעקריצט!...

ער האט זײַנע אויגן ניט געגלייבט: אויפן סאמע מיטן הארץ האט ער איבערגעלייענט:

זלמן קינדישמאן 1909 ליטא.

ער איז ארויפגעפאלן אויף איר הייס-ברויזענד און קלאפענדיגעס הארץ, זי האט אויף איר ברוסט זײַן קאפ ארויפגעלעגט, אים מיט אירע נאקעטע הענט ארומגענומען און לאנג, לאנג געקושט...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

זלמן קינדישמאנס גרויער קאפ איז געלעגן אויף נעמי'ס ברוסט, זי האט אים אן אויפהער געקושט, ער האט ווי א קליין קינד געכליפעט...

נאך א פיל-יאריגן רוהיגן, געזונט-נארמאלן לעבן אן אויפרעגונג, אן אינערליכן ציטער האט ער זיך איצט שטארק צעכליפעט, ווי א קליין קינד האט ער אן אויפהער געוויינט, געקושט איר לײַב, איר הארץ, אירע ברוסט, איר האלז, געקושט און געוויינט...

— וואס וויינסטו? — האט זי נאך א לאנגן שווײַגן ארויסגערעדט.

— צו שטארק איז דאס גליק, צופיל שוימענדיג איז דאס ווײַן, און איך האב מורא, אז איצט וועט מײַן לעצטע לעבנס-שעה שלאגן, ווײַל מיר האט א אמאל א אינדיאנישע מכשפה אזוי געזאגט:

„וועסט וואנדערן איבער דער וועלט, וועסט לאנג און פיל וואנ־דערן, וועסט קומען אין א לאנד פון אייביגן ליכט, דארט וועט זיך צו דיר באווייזן דאס אמת'ע גליק, דאס גליק וואס ט'רופט „ליבע".
דעם ערשטן טאג וועסטו באוויזט ווערן פון די ליבע, דעם צווייטן טאג וועט דיך די ליבע פאר'שיכור'ן. דעם דריטן טאג—וועסטו וויינען פון פרייד, דאס גליק וועט זיין אומבאגרענעצט, טאג ווי נאכט וועט דיר דאס גליק אין אירע ארעמס האלטן, און האבן וועט דאס „גליק" בלאנדע לאקן און שווארצע ווי די נאכט אויגן. און צום פערטן טאג— וועט זי דיר א קוש געבן, דאס וועט זיין דער טויטן־קוש, און ביידע, נאקעטע, אן קליידער אין געשלאסענע ארעמס וועט איר אויסגעהן בא דעם קוש פון ליבע..."

אזוי דערצעהלט האט מיר די אינדישע מכשפה סאקא־סיקי.

זי האט זיך פלוצים ארויסגעריסן פון זיינע ארעמס, האט עמיצן ווי אפגעענטפערט:

— איך קום, גלייך...—האט אנגעטאן אירע פלינל און איז ווי א זומער־פויגעלע ארויסגעפלוין דורכן אפענעם פענסטער, עס האט זיך נאך געהערט דאס פאכען פון די פלינל, נאר זי איז שוין ניט געווען.

קינדרישמאן איז געבליבן אליין.

ער האט זיך אנידערגעזעצט אויפן וויג־שטול, נעבן פענסטער. דער טאג, דער רוישעגדיגער טאג איז שוין געווען אין פולן ברען, עס זיינען אויבן אין דער לופטן, אומגעלאפן די לופט־שיפן, אונטן, אויף דער ערד—אויטאבוסן, אויטאמאבילן און טראמוואיען האבן אן אויפ־הער זיך געיאגט איינער נאכ'ן צווייטן. ער האט זיך געפרובט דער־מאנען, וואס איז דא מיט אים פארגעקומען?—נאר ער האט בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן. זאל דאס האבן געווען א חלום? נאר ניין! עס שמעקט נאך דער צימער מיט איר דופט, מיט דעם פרישן מעדל־ארמאט, דאס איז זי געווען, זי געמיו

נאר וואו איז זי איצט?—פארוואס איז זי אזוי שנעל אוועק? און צו וועמען איז זי אוועק? אט די געדאנקן האבן אים געמאטערט;



נאר ארויסגעפירט פון זיין איצטיגן געשטה־צושטאנד האט אים דער טעלעפאן, וועלכער איז באלויכטן געווארן און ס'האט זיך אנגעהויבן א געשפרעך:

— פריינד קינדרישמאן?

— יא, ווער רעדט?

— חנה, יונגענדבוים.

— וואס איז מיין ליבע פריילין? גוטן מארגן אייך און אלע אייערינע.

— גוטן מארגן. פארוואס זיינט איר נאך ניטא בא אונז, וואס האט איר זיך פארשפעטיגט צו קומען? מיר ווארטן אויף אייער קומען נאך אייער נעכטיגן צוזאגן דעם פאטער, איר קומט דאך גלייך? יא?

— איך קום גלייך, מיין שעהנע חנה.

ער האט זיך אויפגעהויבן פון שטול און באשלאסן צו געהן צו זיין פריינד יונגענדבוים מיט וועמען ער האט געלעבט אזוי אנגענעם דעם טאג פארבראכט. נאר דא האט זיך בא אים א פראגע געשטעלט, זאל ער דערצעהלן וועגן דעם וויזיט פון געמיו, אדער זאל ער עס אפלעגן אויף א צווייטן מאל.

— אויף א צווייטן מאל!—האט ער פאר זיך באשלאסן און איז ארויס פון זיין צימער, זיך געזעצט אין ליפט, וואס פירט ארויס אויפן גאס.

———————

## XIII.

— אך, ווי אונז פרעהט אייך צו טרעפן—האבן יונגענדבוימס טעכטער באגעגנט קינדרישמאנען, מיר ווארטן אויף אייך שוין דעם גאנצן פרימארגן. קינדרישמאן איז געווען דעם טאג אין א פרעהליכע שטימונג, ער האט זיי דערצעהלט מעשה'לאך פון פאלעסטינישן לעבן, ער האט זיי געוויזן פיל פאנטאזטישע שפילערייען פון די מזרח־לענ־דער, ווי זיינען ארבן אין גארטן, יונגענדבוימס טעכטער די אבגעגיארינע חנה און די עלטערע יהודית האבן אים . געארעמט אנגענומען און זיי־

נען שטיפעריש אַרײַן אין גאָרטן, זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן גרינעם גראָז, צוזאַמען מיט קינדישמאַנען, חנה האָט זיך אָפּגערופן.

— פרײַנד, קינדישמאַן! איצט ליגנדיק דאָ אויפן גרינעם יונגענדיקן גראָז, דערצײלט עפּעס פון אײַער יוגנט, איבערהויפּט, אין אײַער יוגנט־צײַט איז דאָך דאָס גאַנצע לעבן געווען אַנדערש און אויסער דעם האָט אונז דער פאָטער שטענדיק אָנגעדערצײלט אַזוי פיל אינטערעסאַנטעס פון אײַך, אַז עס וואָלט זײַן אַ היסטאָרישער געלעכטער אַז איר אַלײן זאָלט אונז ניט עפּעס וואָס דערצײלן.

— נעווים, נעווים—האָט צוגעגעבן יהודית.

קינדישמאַנען האָט בײַם דערמאָנען דעם וואָרט „יוגנד" אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ, ער איז אומעטיק געוואָרן. חנה און יהודית האָבן ערשטויניק געקוקט אויף די אומענדערונג, וואָס ס'האָט זיך באַוויזן אויף קינדישמאַנס פּנים, ער איז געוואָרן בלאַסער און בלאַסער.

— וואָס איז מיט אײַך—האָבן בײדע מיט אַ מאָל פול שרעק אַ פרעג געטאָן.

— גאָרניט, טײַערע פרײַנדינעס, גאָמיר אַבּיסל זיך דורכפאָרן אין „גרינגאָרטן" האָט ער שטיל אַרויסגערעדט, זײ האָבן זיך אויפגעהויבן פון גראָז, קינדישמאַן איז אַ מידער געבליבן ליגן אויפן גראָז.

— לאָזט מיר אַ ווײַלע אַלײן—האָט ער אַרויסגערעדט. זײ האָבן פאַרלאָזן דעם גראָז־געלעגער און זײַנען אַרײַן אין דאָס באַצווײַגטע „בעסעדקאַ" באַאונרוהיגטע פון קינדישמאַנס הײַנטיגע שטימונג.

זײ זײַנען געזעסן אַ ווײַלע, דאָרט אין „בעסעדקע" איז געווען פון שטענדיק אַ קלײנע ביבליאָטעקל פון „גאָרטן־ליטעראַטור" ווי מען האָט עס גערופן, פון לײַכטע ערצעהלונגען, דעקלאַמאַטאָרישע זאַכן, אויך איז דאָרט געווען אַ ראָיאַל־פּיאַנאָ, וואו מען האָט געקענט שפּילן די בעסטע מוזיקאַלישע נומערן, חנה האָט גענומען שפּילן אײַנהאָרנס סאָנעטן.

קינדישמאַן איז אויפגעשטאַנען, צו אים האָט זיך אומגעקערט די פריהערדיגע מונטערקײַט, ער איז אַרײַן צו זײ אין „בעסעדקע",





האָט זיך געזעצט נעבן יהודית'ן, ער האָט געהערט אײַנהאָרנס סאָנעטן, און רוהיג איז אים געוואָרן אויף דער נשמה.

— אָ—ס'איז ליבער דיכטער ער איז—האָט זיך אָפּגערופן יהודית—ער איז מײַן באַליבטער דיכטער, לעבט ער נאָך?

— יאָ, ער איז איצט אין פּאַלעסטינאַ, מען שטעלט דאָרט איצט זײַנע אַ נײַע אָפּערע „די ליטווישע מאַכטער", זײַנע ווערטער און די מוזיק איז פון קאָמפּאָזיטאָר אחראָנסאָן. פאָרן פאָרן האָב איך זיך מיט אים געזען

— איר ווײסט גאָר וואָס—האָט זיך אָפּגערופן חנה—די אונגעדע—נאָמיר הײַנט געהן צוזאַמען מיט דעם גאַסט אויף פּראָפעסאָר שוואַרצוואַלד'ס לעקציע בײַ אונז אין אוניווערסיטעט.

— וועמענס לעקציע האָט איבערגעפרעגט קינדישמאַן.

— פּראָפעסאָר שמעון שוואַרצוואַלד, ער איז דער באַליבטעסטע לעקטאָר בײַ אונז, זײַנע לעקציעס איבער דער אידישער ליטעראַטור זײַנען עפּאָכע.

— פּראָפעסאָר שוואַרצוואַלד?—ער דאַרף זײַן בײַ נײַן 60 יאָר? יאָ?

— יאָ!—האָט אָפּגעענטפערט חנה, צו דען קענט איר אים?

— ער איז דאָך אײנער פון מײַנע אַלטע פרײַנד, אין דערזעלבער צײַט ווען איך האָב מיט אײַער פאָטער זיך באַגעגנט האָב איך אויך באַקאַנט מיט דאָן נאָך יונגן טאַלאַנטפולן שוואַרצוואַלד. ווען וועמען ליענט ער הײַנט, קען מען וויסן?

— פאַר וואָס ניט, הײַנט איז גראָדע זעהר אַ פאַראינטערעסירנדיגע טעמאַ:

„דער גרויסער פרין און ווי האָבן אים זײַנע צײַט־מענשן פאַרשטאַנען".

— יאָ, איר ווײסט—האָט איבערגעשלאָגן קינדישמאַן—מיר זײַנען דאָך נאָך גיט געווען בײַ דעם פרין־דענקמאַל, דאָס האָלט דאָך געוועזן דער גרעסטער אונרעכט, ווען זײַענדיג אין „ערעציא" שוין

אַ פּאָר טעג און ניט זײַן בײַ דעם דענקמאָל פון אונזער גרויסן נאַציאָנאַלן געניע יצחק לייבוש פּרץ.

אין דעם מאָמענט איז אַרײַן יונגערבוים.

— איצט, מײַנע פרײַנד — האָט ער זיך געווענדעט צו קינדרישמאַנען — בין איך גרייט און פרײַ, און מיר'ן קענען פאַרזעצן אונזער נעכטיקע — ניט פאַרענדיקטע שטאָט-עקסקורסיע.

— דער פרײַנד קינדרישמאַן וויל גיין אויף פּרץ-גאַס, צום פּרץ-דענקמאָל — האָט אָפּגעענטפערט חנה איר פאָטער.

— דאָס איז גראַנדיעז! — האָט אײַנגעשטימט יונגערבוים, און די גאַנצע קליינע משפּחה'צקע האָבן זיך אָוועקגעשטעלט און באַשלאָסן גיין צום פּרץ-דענקמאָל.

———

קינדרישמאַן איז געשטאַנען בײַ די בראָנז-סטאַטוע פון פּרץ'ן, מיט די אויגן זיך אַרײַנגעטראָכן אין דעם טיפן, קלוג-נביאישן בליק פון דעם וועלכער האָט נאָך יאָרן-פיל צוריק פאַרגעזאָגט אויף דעם, וואָס ער זעט איצט מיט זײַנע אויגן.

ער האָט איבערגעלייענט די מאָטאָ אויף דעם אָנדענקונגס-טאָוול, דאָרט איז געווען אויפגעשריבן:

„ליכט און וויסן — גײַסט און שיינקייט,
אויב ניט נאָך העכער"...
י. ל. פּרץ.

ער האָט זיך טיף פאַרטיפט, געשטאַנען אַזוי אַ רעכטע ווײַלע, די מיטשפּאַצירנדע — יונגערבוים מיט די טעכטער האָבן געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף קינדרישמאַנס תמיהות. ער האָט זיך טיף, טיף פאַרטראַכט.

— וואָס טראַכסטו מײַן פרײַנד? — האָט אים איבערגעריסן זײַנע מחשבות יונגערבוים.

— יאָ, עס איז דאָ פון וואָס צו טראַכטן — האָט ער אָפּגעענטפערט, און ער האָט אָנגעהויבן אים עפּעס דערציילן:





— דאָס איז געווען לאַנג, לאַנג, אָט דער וואָס קוקט אויף אונז מיט זײַן חכמן, אַדלערישן בליק, מיט דער רעכטער האַנט אויפגעהויבן איבער די אויגן און קוקט אין די ווײַטע האָריזאָנטן. ער האָט נאָך געלעבט, און אײַנגעלאַדן האָט מען אים אין דער גרויסער „עיר הבירה" שטאָט פ... צו לייענען זײַנע ווערק. ער איז געקומען צופאָרן. האָט אין אַ גרויסן, שיינעם זאַל געלייענט זײַנע חסידישע מעשה'לאַך, די קונסט-פערלאַך וואָס אַפילו די פאַנאַטיקער בײַ אונז אין פּאַלעסטינישע שולן לייענען און לערנען איצט נאָך מיט די קינדער, ער האָט געלייענט די ערשטע מעשה'לע בײַ אַ פול-געפּאַקטן זאַל, די צווייטע איז שוין דער זאַל האַלב אַ פּוסטער געווען; צו די דריטע — איז נאָר אייניקע פון זײַנע אינטימע פרײַנד און פאַרערער געבליבן, און דאַן האָט ער אַ מעשה'לע אָנגעהויבן שפּינען. די מעשה'לע וועגן אַ גאָלדענער צוקונפט וועלכע ער און די אייניצלנע וואָס האָבן אים געהערט, האָבן געפילט זײַן באַשיידונג און פאַרשטאַנען.

— זײַנען דען די מענטשן אַזוי ווילד דאַן געווען, אַז הערנדיק פון זײַן אייגן מויל לייענען זײַנע געניאַלישע מעשה'לאַך האָבן זיי דעם זאַל פאַרלאָזן, ווי האָט עס פּאַסירט? — האָבן אומגלויבליך געפרעגט יונגערבוים טעכטער.

— צום באַדויערן, יאָ — עס זײַנען געווען אויך אַזעלכע מענטשן, און זיי זײַנען דאַן אין דער מערהייט געווען.

דער זייגער האָט אײנס געוויזן — איצט איז די צײַט אויף די לעקציע אין אוניווערסיטעט צו גיין — האָבן זיך חנה און יהודית געזעגנט צו קינדרישמאַנען — נאָכמיר אַהין גיין — וועט איר זיך טרעפן מיט אונזער אַלטן פרײַנד, איר וועט זען די יוגנט, וועלכע פילט אָן דעם גרויסן אוניווערסיטעט-זאַל, ניט נאָר צו הערן אים פּרץ'ן אַליין, דאָס האָבן מיר שוין, צום באַדויערן, פאַרשפּעטיקט, נאָר וועגן אים, ווען מען לייענט — איז שוין אויך בײַ אונז אַ יום-טוב, און איבערהויפּט ווען עס לייענט נאָך דער באַליבטער פּראָפעסאָר אונזער ש. שוואַרצאַלד.

זיי האבן גענומען א אויטאבוס, זיך זאלבפֿירט ארײַנגעזעצט, געהייסן פֿירן צום אידישן אוניווערסיטעט, אין קוליבער-קווארטאל.

זיי זײַנען אנגעקומען בײַ א גרויס, הויך געבײַדע, געבויט פֿון בעטאן און מירמל-שטיינער, דער סטיל אן אלט-אידישער, צוויי קאלאנען, אויף די קאלאנען אלטע-מזרחישע שניצונגען, מיט פֿײַערדיגע, שטענדיג לויכטענדיגע אותיות, האט מען געקענט איבערלייענען:

אידישער אוניווערסיטעט.

געבויט פֿון דער קהלה.

זיי זײַנען ארײַן אין דעם אודיטאריע-זאל, פֿול און פּאק זײַנען געווען די צוהערער, סטודענטן און סטודענטקעס האבן אנגעפֿילט דעם גרויסן זאל מיט'ן גלעזערנעם דאך, זיי זײַנען דורך צווישן די קאלאנעס, ער האט דערהערט אים גוט באקאנטע נעמען, דא האט א גרופּע סטודענטן און סטודענטינס געפּלפּול'ט זיך וועגן די סימבאלן בײַ פּרץ'ן, דא—זעצנדיג זיך אויף זייערע ערטער קינדישטאן, יוגענדבוים מיט זײַנע טעכטער האבן זיי געהערט דעם שכנישן געשפּרעך פֿון די וואס זײַנען געזעסן נעבן זיי.

— און איך זאג—האט גערעדט פֿול היץ און טעמפּעראמענט א שווארץ-חנו'דיג מעדל צו איר חבר'טע—וויכטיגערס דראמען זײַנען דאך ווי אויסגעהאקטע סקולפּטורעס, און זיי איז ניטא די לײַכטע קינדישקײַט פֿון אש'ן, און דארום זאג איך אז אש איז אן ערצעהלער, א מאלער אבער ניט קיין דראמאטורג, איך רעד שוין ניט פֿון די יונגע ווי פֿעלדמאן, בלומלינג, לאה לעווינסקי און די גאנצע יונגע שול.

— אוך איך בין מיט דעם ניט אײַנשטימיג, האט איר אפּגעענטפֿערט די צווייטע—אש'ס פֿארדינסטן זײַנען אומגעהויער גרויס, נא לייען אפֿילו ד"ר עליאסאנען דעם 24-טן באנד וואו ער גיט זײַן איבערזיכט „50 יאר אש'ישע שאפֿונג" וועסטו אויך זען אז ניט קוקנדיג וואס ער איז ניט פֿון זײַנע חסידים, ער געהט זיך פֿיל פֿאנאנדער מיט שווארצוואלדן, דאך געפֿינט ער אויך, אז נאך פּרץ'ן פֿארנעמט אין דער ליטעראטור דעם גרעסטן ארט—ער, איך רעד ניט וועגן דעם

40



יונגן געניאלן בלומלינג, וועגן אים קענען מיר נאך ניט רעדן.

— האסט געלייענט, רות—איז צוגעלאפֿן א צוהיצטער יונגער בחור'ל א יאר זיבצן צו די פּלפּול'דיגע שווארץ-חנו'דיגע פֿרײַלין—האסט געלייענט בלומלינגס נײַע פּאעמע אין „וואסערפֿאל"?

— ניין.

— אויסגעצייכנט. קום ארײַן צו מיר הײַנט פֿארנאכט, וועסטו באקומען דעם לעצטן נומער „וואסער-פֿאל".

עס איז געווארן א הוזשורע, א טומל, די אלע פֿארזאמלטע, וועלכע האבן אומגעשפּאצירט איבערן זאל האבן זייערע ערטער פֿארנומען. עס איז אויף דער קאטעדרע ארויף א מאן פֿון מיטעלן הויך, אין גאלדענע ברילן, די האר לאנגע, פֿאנאנדערגעווארפֿן אין לאקנס, מיט א ווײַסן מאניש, עס איז שטיל געווארן צווישן דעם טויזנטקעפּיגן יונגן עולם, עס האט אנגעהויבן האלטן זײַן פֿארטראג וועגן דעם גרויסן פּרץ'ן, דער פּראפֿעסאר ש. שווארצוואלד—דער ליבלינג פֿון דער יונגער אידישער „עדינא".

— — —

ער האט געענדיגט לייענען. דונערן אפּלאדיסמענטן, מען האט אים אויף די הענט ארויסגעטראגן, אין דער לופֿטן זײַנען געפֿלויגן בלומען, וועלכע די סטודענטינס פֿלעגן ווארפֿן זייערע באליבטע פּראפֿעסארן, עס האט די לופֿט פֿארקלונגען מיט אויסרופֿן:

זאל לעבן די רײַכע און גרויסע אידישע קולטור!

זאל לעבן אין אונזער זכרון אונזער נאציאנאלער געניע פּרץ!

זאל לעבן שווארצוואלד! הורא! הורא! הורא!—האט פֿארקלונגען די גאס וואס ארום אוניווערסיטעט.

עס איז געווארן שוין פֿארנאכטליך. זיי זײַנען אלע ארויס פֿון אוניווערסיטעט-גאס, זיי האבן זיך געזעגנט ניט ווײַט פֿון דעם „טורעם-פּלאן" וועגן וואס יוגענדבוים האט אים נאך דערצעהלט זיצנדיג בײַ אים אין „פּרץ פּארק".

— עס וועט זײַן גענוג אויף הײַנט—האט זיך געזעגנט, צו

41

זײַנע פֿרײַנד, קינדישמאַן — צופֿיל גליק וואָלט איך אײַנגעזאָפּט פֿאַר אײן טאָג. זײַנע אױגן זײַנען פֿול טרערן געװאָרן. דאָס זײַנען געװען גליקס־טרערן װעלכע ס'האָט אַרױסגערופֿן דאָס אַלעס געזעהענע אין, און בײַ דעם אוניװערסיטעט.

— מאָרגן — מײַנע פֿרײַנד — װעלן מיר שױן באַזוכן אױך דעם „טורעם־פּלאַץ".

— נו, אױב פֿרײַנד קינדישמאַן איז אײַנגעשטימט מאָרגן — װעלן מיר אָפּלײגן אױף מאָרגן.

———

קינדישמאַן איז געקומען צו זיך אין צימער, אים האָט אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקע בענקשאַפֿט צו זען איצט נעמי'ן. ער איז צו בײַם פֿענצטער, אים האָט זיך געדוכט, ער האָט געהאַפּט, אַז װידער װעט ער זי טרעפֿן, נאָר אומזיסט. ער איז אַזױ אָפּגעשטאַנען אַ רעכט װײַלע און קײנער האָט זיך ניט באַװיזן. ער איז צו צום אַפּאַראַט, ער האָט זיך דערמאָנט אַז זי האָט אים געהײסן דריקן ג. און ב. ער האָט עס געטאָן, נאָר קײנער האָט אים אָפּגעענטפֿערט. ער האָט זיך קײן אָרט געפֿונען און ענדליך האָט ער באַשלאָסן נאָך הײַנט צוגײן אין „טורעם־פּלאַץ" רעכענענדיג טאָמער װעט ער איר דאָרטן טרעפֿן.

———

אױפֿן ראַג שעװטשענקאָ האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט אין „רעכער־באַן" און איז אָנגעקומען צום „ערעניאַ־טורם". צוערשט איז ער אַרײַן אין ביבליאָטעק, האָט געגומען לײענען דעם אַלטן אַטאַלינן באַליבטן שרײַבער זײַנעם שאָפּענהױער, איז אַרײַן אין גאָרטן. אים האָט זיך דאָן געװאָלט זעהר טרעפֿן נעמי'ן, נאָר ניט נאָר זי האָט ער דאָרט געטראָפֿן, נאָר איבערהױפּט איז דאָרט קײן פֿרױען דעם טאָג ניט געװען, ער איז אַריבער פֿון די ביבליאָטעק אין „קונסט־מוזעאום", האָט באַקוקט די גיפּס־סקולפּטורן פֿון קריצענשטײן, ליסי־ציקי, ראָזאַ פֿײַנגאָלד, איז אַרױף אױפֿן אױבערשטן לעצטן שטאָק, האָט הינטער זיך



די טיר פֿאַרמאַכט, און לאַנג, לאַנג װידער געקוקט, געקוקט און געטראַכט, געטראַכט און פֿאַרטראַכט זיך...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

## XIV.

עס איז אַװעק אַ טאָג און צװײ, קינדישמאַן האָט זיך אין ערגיץ ניט געװיזן, נעמי איז ניט אײן מאָל געװען אין זײַן צימער, נאָר אים האָט זי ניט געפֿונען, יונגענדבוים און די פֿאַמיליע האָבן זיך זעהר געװאונדערט פֿאַרװאָס שױן אײניגע טעג װי ער קומט צו זײ ניט, די פֿאַרװאונדערונג איז אַריבער אין אַ שטאַרקן באַאונרוהיגן זיך, זײ האָבן זיך געװוּנדערט אין אַלע געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציעס. ניטאָ קײן ענטפֿער. זאָל ער האָבן אַװעקגעפֿאָרן, ניט האָבנדיג זיך געזעגנט? — קען ניט זײַן, צופֿיל שטאַטסמאַן איז ער געװען, אַז ער זאָל אַװעקפֿאָרן קײנעם גישט זאָגנדיג, און אַ טרױער האָט באַהערשט בײַ יונגענדבױם'ן אין הױז, עס האָט זיך געפֿילט, אַז עפּעס דריקט װאָס אַלעמען אױף דער נשמה, אַ באַהאַלטן שרעק האָט גערוהט אױף אַלעמענס פּנים'ער, װי יונגענדבױם אַזױ אױך זײַנע טעכטער.

פּלוצים, אָװנט, װערט ליכטיג דער טעלעפֿאָן־טישל, בײַם אַפּאַראַט זיצט יונגענדבױם, די הענט און זײַן שטימע ציטערן, ער האָט געפֿילט װי אַ פֿאַרזאָג פֿון זײַן האַרץ, אַז דאָ װעט אים אַ בשורה רעה אָנגעזאָגט װערן, מען האָט גערעדט פֿון דער צענטראַלער קהלה:

„הײַנט 7 אָװנט בײַ זונען־אונטערגאַנג האָט מען אין גערטל

„פֿון „ערעניאַ־טורעם" געפֿונען טױט, אַ יונגן־מאַן, אַ יאָר 45

„מיט שװאַרץ־גראָהליכע האָר, געראַזירט. אין זײַן פּאָרטפֿעל,

„װאָס ער האָט געהאַט מיט זיך האָט מען געפֿונען פֿאָל־

„גענדע װיזיט־קאַרטע:

זימן קינדישמאַן

פּאָרזיצענדער פֿון דער אַלװעלטליכער

באַאַמטענשער קאָמיסיע.

„זוכנדיג וויטער האט מען געפונען איער אדרעס, עס איז
„אויך איבערגעבליבן פיל פאפירן, מאנוסקריפטן, קומט נאכן
„אין קהלה־ראט, אפטייל „סטאטיסטיק" פון די געוועזענע
„און געשטארבענע". דאס פארברענען וועט זיין מארגן 11
„א זייגער אין דער פרי.

אלע שטובינגע זיינען געבן אפאראט געשטאנען, זעהענדיג די פארבלאסקייט וואס ס'האט אנגענומען דעם פאטערס פנים, האבן זיי פארשטאנען, אז דא האט עפעס אומגעוועהנליכעס געטראפן, ווי אסינ־בלעטער אויף א בוים האבן זיי געציטערט. יוגענדבוים איז געפאלן אויפן שטול, קוים, קוים האט ער געקענט ענטפערן אויף די פראגן פון די קינדער.

— יא, געשטארבן קינדישמאן. און עמיין האט צוגעגעבן: אויך אין דער צוקונפט־שטאט וועט דער טויט דאס זייניגע נעמען...

אין דער צוקונפט־שטאט
„עדעניא", ראמאן,
פון בן־יעקב
כארקאוו
1918.

44



# אחרית־דבר

## א

שם הרומאן במקורו ביידיש הוא: "אין דער צוקונפט־שטאט עדעניא" — בעיר העתיד עדניה. הרומאן העתידני האוטופי הזה נתפרסם בראשית שנת 1918 בהוצאת "אידיש" בחארקוב שבאוקראינה. כמחבר הרומאן מופיע השם בן־יעקב, שהוא הפסבדונים של קלמן זינגמאן, המחבר בעל ההוצאה. השם "עדניה" נגזר מהמסופר בספר בראשית: "ויטע ה' אלוהים גן בעדן מקדם וישם שם את האדם אשר יצר." האלוהים נפקד מהעיר, אך "עדניה" מעניקה לאזרחיה שלום ואחווה, שיוויונות וחיים יצירתיים נעימים.

הרומאן ביידיש משתרע על 40 עמודים בלבד, מתחלק ל־14 פרקים, ועלילתו מתרחשת במשך שני ימים בחודש מאי, בל"ג בעומר ולמחרתו. זלמן קינדישמאן הוא בן למעלה מ־50, תייר יליד ליטא, החי עם משפחתו בעיר נורדיה במדינת היהודים ארץ ישראל, זו פלשתינה. בתוקף תפקידו כיו"ר הוועדה הסטאטיסטית לחקר היהודים בתפוצות, מסייר הוא בעולם, ובדרכו לרפובליקות מולדביה, גרוזיה ודאגסטן מגיע ל"עדניה" באוקראינה. הוא מתארח במלון הגדול והמשוכלל "פרייפאלק". כאן הוא מגלה לפי ספר־הטלפון את ידיד נעוריו יוגענדבוים, שממנו נפרד לפני 25 שנה בעיר שקדמה ל"עדניה". ביחד הם מסיירים בעיר. בדרך מספר קינדישמאן בקצרה על ארץ־ישראל, ויוגענדבוים מראה את החידושים, שחלו ב"עדניה" בשנים שחלפו, ומספר על סדריה החדשים. בבוקר יומו השני זוכה התייר בביקור מפתיע של בת עירו נעמי, שלפני 35 שנה בנעוריהם בליטא היו להם קשרי אהבה מיוחדים ומוזרים. אחרי התרפקות קצרה הדדית מלאת תשוקה ואושר, היא עוזבת פתאום את חדרו. המום מביקורה זה אין לו מנוחה. בנותיו של יוגענדבוים מזמינות אותו בטלפון לביתם. משם ממשיכים לסייר בעיר. אך הוא ממהר לחזור למלון ומבטיח להיפגש מחר. נתקף בגעגועים לנעמי, ובאין תשובה מחדרה במלון, יוצא הוא לחפשה במקומות המפגש הציבוריים שב"מגדל העיר". לא מוצא אותה לא בספריה ולא במוזיאון האומנות שבמגדל, ממשיך הוא לעלות